STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02090

KOMUNIZM -- TSULIB VOS UN FAR VEMEN?

Moissaye J. Olgin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאמוניזם-

צוליב וואָס און פאַר וועמען?

קורצע שמועסן וועגן ערנסטע פראגן.

פון

מ. אָלגין

פרייז 10 סענט

אינהאַלט

קאַפּיטל — זייט

1. די קרענק — 3
2. דער דיאַגנאָז — 10
3. די רפואה — 20
4. די מלוכה — 30
5. אַ פּראָגראַם פון ארבעט — 44
   א) עקאָנאָמישער קאַמף — 44
   ב) קאַמף געגן אימפּעריאַליסטישער מלחמה — 53
   ג) דער קאַמף געגן פאַשיזם — 59
6. דער רעוואָלוציאָנערער אומוואַרף פון קאַפּיטאַליזם און די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט — 75
7. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — 84

קאַפּיטל 1

די קרענק

דו ביסט אַן ארבעטער. עטלעכע יאָר האָסטו געהאַט אַ דזשאָב. קיין גרויסע גליקן האָסטו נישט געמאַכט, אָבער לעבן ווי נישט איז האָסטו געקענט. ביסט געווען אַ געטרייער ארבעטער. האָסט געפאָלגט דעם באַלע־באָס. קען זיין, אז דו האָסט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע דאָלאַר, ס׳זאָל צונויץ קומען אין אַ שלעכטער צייט. קען זיין, אַז דו האָסט זיך פארגונען חתונה האָבן און ביסט געוואָרן אַ פאָטער פון קינדער. ביסט געווען אַ פרידלעכער מענטש, געפאָלגט דאָס געזעץ, געטאָן דיין פליכט.

און איין שיינעם פרימאָרגן לאָזט מען דיר וויסן, אַז מען דאַרף דיך מער נישט האָבן. פראָסט געזאָגט: מען גיט דיר די „סעק". מען הייסט דיר גיין. ס׳איז אַ קריזיס, זאָגט מען דיר. דער באַלעבאָס האָט פאַר דיר נישט קיין ארבעט. ער פארקלענערט די פּראָדוקציע אָדער ער פארמאַכט גאָר אינגאַנצן דעם שאַפּ. דו בלייבסט אָן פרנסה, און ער פאָרט זיך ארויס אין זיין מאַיאָנטעק אין דער קאָנטרי אָדער אין אויסלאַנד צו פארברענגען אין עושר און אין כבוד. אים אַרט קיין פּיצל נישט וואָס מיט דיר וועט זיין. די „קאָמפּאַניע" וויל פון דיר נישט וויסן. די ארבעטסלאָזע קערן זיך מיט איר ניט אָן.

געניג אָבער אַ טראַכט צו טאָן צו דערזען, אַז דו ביסט נישט קיין פרעמדער פאַר אָט־דער פאַבריק אָדער שאַפּ אָדער מיין. דו און אזוינע ווי דו האָבן זי געבויט. דו און אזוינע ווי דו האָבן געשאַפן די גאַנצע מאַשינעריע, דעם גאַנצן רוי־מאַטעריאַל און די גאַנצע הייצונג, וואָס איז נויטיק צו באַטרייבן אַן אינדוסטריע. דו און אזוינע ווי דו זיינען די לעבעדיקע קראַפט, וואָס מאַכט באַוועגן די טויטע מאַטעריע פון יעדער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. דיין בלוט, דיין שוויים, דיינע מוסקולן און דיין מאַרך זיינען אריינגעטאָן אין יעדן שטיקל סחורה, וואָס ווערט פּראָדוצירט.

דו האָסט אַ סך געשטעלט אין קאָן אין אָט־דער אונטערנעמונג —

דיין גאַנץ לעבן. די אונטערנעמונג איז דיינע מער ווי דעם באַלעבאָס׳ס. זי איז אַ שטיק פון דיר אַליין.

לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלן, אַז ווען מען הייסט דיר גיין, ווילסטו זיך נישט רירן פונם אָרט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַ סך אַזוינע ווי דו קומען זיך צוזאַמען און זאָגן, אַז איר בלייבט דאָרט, וואו עס איז אייער אָרט, און אַז איר וועט נישט אויפהערן אַרבעטן, ווייל דאָס איז דער איינציקער קוואַל פון אייער פרנסה. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איר זאָגט: איר וועט פּראָדוצירן פאַר זיך און פאַר אַנדערע ווי איר. דער געדאַנק מעג דיר אויסזען מאָדנע. אָבער באַטראַכט נאָר, וואָס דאָ וועט זיך טאָן.

דער באַלעבאָס, וואָס האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט און וואָס ווייסט אפילו נישט ווי מען אַרבעט, וואָלט גערופן די פּאָליציי. גיכער פון אַלץ וואָלט זיך באַוויזן דער ראַיאָט־סקוואָד. אפשר וואָלט מען אפילו אַרויס־געפאָדערט די מיליציע. ס׳וואָלט זיך געטאָן — מיט קלאָבס און ראַיאָט־ביקסן און טרערן־באָמבעס, אַ גאַנצע חתונה. מען וואָלט דיך געשלאָגן מיט שטעקנס, מען וואָלט אַף דיר געשאָסן, מען וואָלט דיך און אַנדערע ווי דו אַרעסטירט, גע׳משפט און פאַר׳משפט — פאַרן איינציקן פאַרברעכן, וואָס איר ווילט אַרבעטן אויך ווייטער אַף די מאַשינען און מיט די מאַטעריאַלן, וואָס דו און אַזוינע ווי דו האָבן געשאַפן.

האָסטו ווען אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס דאַרף אַזוי ניט זיין?

נעם אַן אַנדער ביישפּיל. ביסט אַ טענענט. אין אַ משך פון צען אָדער פופצן אָדער צוואַנציק יאָר האָסטו געלעבט אין אַ הויז. דו האָסט געצאָלט דיין רענט צו דער צייט. דו האָסט אויסגעצאָלט דיין פּלעט עטלעכע מאָל. דיין לענדלאָרד האָט צו דיר געשמייכלט, אַזוי לאַנג ווי דו ביסט געווען אַ „גוטער" טענענט. איצט אָבער האָסטו נישט קיין דזשאָב. דו האָסט נישט געצאָלט קיין רענט עטלעכע חדשים. אַ שעריף קומט. דיין מעבל ווערט אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. דו ביסט אַ קרבן פון אַן „עוויקשאָן". און דאָך ווייסטו זייער גוט, אַז נישט דער לענדלאָרד האָט געבויט דאָס הויז. דו און אַזוינע ווי דו האָבן פּראָדוצירט דעם גאַנצן בוי־מאַטעריאַל און האָבן אויפגעשטעלט אָט־דאָס הויז. חוץ דעם האָט איר דעם לענדלאָרד רייך געמאַכט דורך אייער רענט.

לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלן, אַז דו ווילסט נישט אַרויס פון דעם הויז. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דו פאַרבינדסט זיך מיט די אַנדערע טענענטס און איר דערקלערט, אַז איר וועט זיך נישט לאָזן אַרויסוואַרפן

אין גאס. מען זאָגט: די אַמעריקאַנער זיינען שטאָלצע מענטשן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איר דערקלערט: מיר זיינען אַמעריקאַנער און מיר ווילן זיך נישט לאָזן מאַכן פאַר בעטלער. ווידער אַמאָל וועט איר האָבן אויף זיך די פּאָליציי־שטעקנס, די געריכטן און דעם אַרעסט.

מאָדנע, וואָס? אָבער אָט־די משוגעת איז די טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק פון אונזער גרויסן און רייכן לאַנד.

איידער מיר גייען ווייטער, לאָמיר קלאָר מאַכן אַ פּאָר געדאַנקען. מיר האָבן אָקאָרשט געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס „האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט". דו קענסט פרעגן, צי דאָס איז ריכטיק. דו ווייסט זייער גוט, אַז דער באַלעבאָס פאַרברענגט טעג און טעג אין זיין אָפיס. דו ווייסט, אַז דער באַנקיר האָט זיינע אָפיס־שטונדן. דו האָסט אַליין געזען, ווי אַזוי די רייכע לייט גייען אין זייערע קאָנטרי־קלאָבס און אָפן גאָלף־פּלאַץ זיך אויסצורוען פון זייער „שווערער" פּראַצע. די צייטונגען און די רבנים און גלחים און פּראָפעסאָרן דערציילן דיר, אַז דער ביזנעסמאַן „טוט זיין חלק" אין דער פּראָדוקציע. זיי זאָגן אפילו, אַז אָן אים קען דער אינ־דוסטריעלער אָרגאַניזם נישט עקזיסטירן. דאָס איז איינער פון די פאַלשע געדאַנקען, וואָס ווערן אַריינגעפּלאַנצט אין די קעפּ פון אונזער פאָלק פון קינדווייז אָן. דער אמת איז, אַז דער קליינער ביזנעסמאַן טוט נאָך אפשר אַרבעט: דער גראָסער אַרבעט הינטערן קאָונטער, דער שוסטער אַרבעט צוזאַמען מיט זיינע געהילפן. אָבער וואָס גרעסער די ביזנעס, אַלץ ווייני־קער אַרבעט בלייבט פאַר די אמת'ע באַלעבאַטים. וואָס ווייסט מאָרגאַן וועגן דער אַרבעט אויף אַן אייזנבאַן, אין אַ מיין אָדער אין רעסטאָראַן, וואָס ער קאָנטראָלירט? וואָס ווייסט ראָקעפעלער וועגן דער אַרבעט אין אַ קוילן־גרוב אָדער אין אַן אויל־פּלענט? נעם אַראָפּ פאָרדן פון דעם שפּיץ פון זיין פּיראַמידע און קיינער וועט אפילו נישט באַמערקן דעם שאָדן. פאָרד האָט אפשר געהאַט אַ חלק אין אָרויפאַרבעטן זיין ביזנעס צוריק מיט יאָרן מיט דער הילף פון אַ גרויסער צאָל אינזשענערן און אַרבעטער — אָבער היינט ווייסט ער אפילו נישט, וואו עס געפינט זיך אַ טיר אין זיינע ריזיקע פאַבריקן.

גרויסע ביזנעס, גרויס־פּראָדוקציע פון דעם נייסטן טיפּ ווערט אָנ־געפירט דורך אַלערליי ספּעציאַליסטן מיט דער הילף און דער מיטאַרבעט פון אַרבעטער. אינזשענערן, טעכניקער, מאַשיניסטן, כעמיקער, אַלערליי עקספּערטן פאַרוואַלטן מיט די אינדוסטריעלע גיגאַנטן פון היינט — און זיי זיינען געדונגענע מענטשן. די באָרד אָוו דירעקטאָרס און די אַנדערע

פאַרשוינען אין די „הויכע פענצטער" פון די קאָרפּאָראַציעס באַשליסן נאָר וועגן דער „פּאָליסי" פון די ביזנעס — און דאָס איז מערסטנס אַן אַרבעט פון מאַניפּולירן מיט די סטאַקס. די דאָזיקע מענטשן פּראָדוצירן גאָרנישט. מען קען זיי באַזייטיקן און די אַרבעט וואָלט דערפון קיין פּיצל נישט געליטן.

און דאָך באַשליסן אָט־די מענטשן וועגן פאַרקלענערן די פּראָדוקציע אָדער אינגאַנצן פאַרמאַכן די אונטערנעמונג און דורך דעם צונעמען דאָס ברויט סיי בײַ די ספּעציאַליסטן, סיי בײַ די קוואַליפיצירטע און אומ־קוואַליפיצירטע אַרבעטער. די וואָס פּראָדוצירן נישט באַשליסן פאַר די וואָס פּראָדוצירן.

וואָס איז שייך באַנקירן און בראָקערס, ריעל־עסטייט אָפּערייטאָרס און פּראָמאָטערס — פּראָדוצירן זיי קיין זאַך נישט וואָס איז נויטיק פאַרן מענטשלעכן לעבן, כאָטש זיי האָבן דעם גרעסטן חלק פון דעם קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע. דער אמת איז, אַז זיי פּראָדוצירן גאָרנישט. זייער גאַנצע אַרבעט איז אַריבערנעמען „פּאַפּירן" פון איינע הענט אין די צווייטע. די דאָזיקע פּאַפּירן — רופט זיי טשעקס אָדער קאָנטראַקטן אָדער דרעפּטס אָדער שערס — זײַנען אַ קליים אויף דער פּרוכט פון עמיצנס אַרבעט.

אַן אַנדער פראַגע, וואָס מיר דאַרפן באַטראַכטן, איז די פראַגע פון „מזל". מען האָט דיר געגוג מאָל דערציילט, אַז אויב דו האָסט קיין אַרבעט נישט, הייסט דאָס, אַז דו האָסט נישט קיין מזל. „שלעכטע צייטן", זאָגט מען דיר. „ס'איז אַ קריזיס." „ס'איז קיינעמס שולד נישט." מען דערציילט דיר, אַז די עקאָנאָמישע קרעפטן זײַנען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין מענטש קען זיי נישט קאָנטראָלירן. מען גיט דיר צו פאַרשטיין, אַז אַ קריזיס איז עפּעס אַזוינס ווי אַן ערד־ציטערניש, אַ דונער, אַ פאַרפלייצונג. דער אמת איז, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך שוין אויסגעלערנט קאָנטראָלירן אייניקע פון די גרעסטע קרעפטן פון דער נאַטור. דער מענטשלעכער געדאַנק האָט אײַנגעשפּאַנט די עלעקט־רישע קראַפט, וועלכע רופט אַרויס דעם דונער. מענטשלעכע וויסנשאַפט האָט אויפגעטאָן וואונדער. די קאַלטע לענדער פון דעם פּאָליוס, די הייסע טראָפּישע לענדער, די געדערים פון דער ערד און די הויכקייטן פון דער לופט ווערן שוין קאָנטראָלירט דורכן מענטשן. פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען קאָנטראָלירן די פּראָדוקציע און די פאַרטיילונג פון סחורות, וואָס

זיינען וויכטיק פאַר זיין לעבן? ווייזט דען נישט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד
אַזוי קלאָר ווי נאָר מעגלעך, אַז מען קאָן קאָנטראָלירן די אַלע זאַכן?
פאַרוואָס דאַרף זיך באַקומען אַזאַ לאַגע, ווי היינט־צו־טאָג אין די פאַר־
אייניקטע שטאַטן, אַז מיליאָנען געזונטע, פייאיקע אַרבעטער, וואָס זיינען
גרייט צו טאָן אַרבעט, זאָלן צעפרעסן ווערן פון ליידיק־גיין און הונגער,
בשעת אַרום און אַרום ליגן טייערע מאַשינען און בערג מיט רוי־מאַטעריאַלן
אומגענוצט? איז טאַקע באמת אַזוי שווער פאַר דעם מענטשלעכן געדאַנק
צו אָרגאַניזירן אַ שטראָם פון געברויך־אַרטיקלען, וואָס זאָל באַפרידיקן
די באַדערפענישן פון אַלע מענטשן אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט דאַרפן
אַרומגיין אָן עסן, אָן קליידער און אָן אַ וואוינונג? די מענטשהייט האָט
זיך אויסגעלערנט באַהערשן די קרעפטן פון דער נאַטור. די וויסנשאַפט
האָט געמאַכט ריזיקע טריט פאָראויס. אַלעמאָל טראַכט מען אויס נייע
אויסבעסערונגען צו פאַרלייכטערן די מענטשלעכע אַרבעט. אַף דער וועלט־
אויסשטעלונג אין שיקאַגע פאַראַיאָרן זומער האָט מען געוויזן מאַשינען,
וואָס פליקן אַרויס דעם קאַטן פון די שטיינגלעך; איין מאַשין פאַרבייט
פון 6 ביז 48 מענטשן. ס'איז דאָ עקסקאַוואַטאָרס און טרענטש־גראָבערס,
וואָס פאַרבייטן די אַרבעט פון 20 ביז 30 פערזאָנען. צווישן 1922 און
1929 איז די פּרוכטבאַרקייט פון דער אַרבעט אין אַמעריקע אויסגעוואַקסן
אַף 100 פראָצענט. פאַרוואָס האָט באַדאַרפט קומען דער שרעקלעכער
קראַך פון 1929? פאַרוואָס האָבן מיר געמוזט ליידן אָט־די אַלע וויסטע
יאָרן פון דעם שווידערלעכסטן קריזיס אין דער געשיכטע פון דעם לאַנד?

מיר קענען נישט זאָגן, אַז אָט־די אָנשיקעניש נעמט זיך פון „נאַטיר־
לעכע קרעפטן". די לאַגע איז גאָרנישט נאַטירלעך. עס איז נישט נאַטיר־
לעך, אַז מענטשן זאָלן אַרומגיין הונגעריק בשעת די מיטלען צו פּראָדוצירן
עסנווארג זיינען גרייט אומעטום. עס איז נישט נאַטירלעך, אַז די
רעגירונג זאָל הייסן פאַראַקערן דעם קאַטן, וואָס איז אויסגעוואַקסן
אַף 10 מיליאָן אַקערס לאַנד אין דער סאַוט, און אַז מען זאָל אַף אַזאַ
אופן צעשטערן דריי מיט אַ האַלב מיליאָן פעק קאַטן אין דער צייט
ווען אַזוי פיל מענטשן גייען אַרום שלעכט געקליידט. עס איז נישט
נאַטירלעך, אַז אַרום און אַרום זאָל זיין אַזויפיל אָרעמקייט, ווען דאָס
לאַנד איז פול מיט רייכטום. עס איז נישט נאַטירלעך, אַז מען זאָל אויס־
גיסן מילך אין די טייכן אַריין בשעת קינדער דאַרבן אָן מילך. עס איז
נישט נאַטירלעך, אַז די אויסגעצייכנטע מיטלען פון פּראָדוקציע און
טראַנספּאָרט זאָלן זשאַווערן, בשעת די מענטשן, וואָס קענען זיי נוצן,

זאָלן אויסגיין פון הונגער און קראַנקהייט. ווער קען סמייען זאָגן, אַז דאָס איז נאַטירלעך? דאָס איז משוגעת.

אַ פּאָר ווערטער וועגן געזעץ. מען האָט דיך געלערנט צו האָבן דרך־ארץ פאַרן געזעץ, וואָס באַווייזט זיך אין דער געשטאַלט פון דעם פּאָליסמאַן און דעם ריכטער. מען זאָגט דיר, אַז דאָס איז „גערעכטיקייט". אָבער וואָס איז דאָס פּאָר אַ גערעכטיקייט — אַרויסוואַרפן מענטשן אין גאַס אַריין פאַר נישט צאָלן קיין רענט? וואָס איז דאָס פאַר אַ גע־רעכטיקייט, וואָס וואַרפט דיך אַרויס פון שאַפּ וואו דו האָסט שוין אָפּ־געאַרבעט אַזוי פיל יאָרן? ווען דער באַלעבאָס וואַרפט דיך אַרויס מיט געוואַלד פון זיין „פּראָפּערטי", רופט מען דאָס נישט געוואַלד־טאָטן; ווען דו לאָזט זיך נישט, זאָגט מען אַז דו נוצסט געוואַלד. ווען דער שעריף שטעלט אַרויס דיינע זאַכן אַפן טראָטואַר, איז דאָס געזעץ. ווען דו ברעכסט אויף דעם שלאָס און טראָגסט צוריק אַריין די מעבל אין די צימערן, איז דאָס אומגעזעצלעך. ווי קומט עס, וואָס געוואַלד־מיטלען געגן די אַרבעטער הייסט געזעץ און ווידערשטאַנד געגן געוואַלד־מיטלען איז אומגעזעצלעך? ווי קומט עס, וואָס אַז מען רויבט בײַ דיר אַוועק די מיטלען צום לעבן, רופט מען דאָס גערעכטיקייט, און ווען דו פּראָטעס־טירסט געגן אָט־דער בלוטיקער גערעכטיקייט, איז דאָס אומרעכט? עפּעס איז דאָ נישט גלאַט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע אַלע געדאַנקען וועגן געזעץ און אָרדענונג, וועגן רעכט און אומרעכט, וועגן פאַרברעכן און שטראָף זיינען געמאַכט ניט צוליב דיינע אינטערעסן און ניט צוליב די אינטערעסן פון דיין גלייכן, נאָר צוליב די אינטערעסן פון די, וואָס נוצן דאָס געזעץ און די אָרדענונג געגן דיר.

נאָך איין ביישפּיל. די אַרבעטער גייען אַרויס אין סטרייק. וויפיל מאָל האָבן די פיינע דזשענטללייט געזאָגט מיט זייער פיינע רייד, אַז די באַלעבאַטים און די אַרבעטער זיינען שותפים און אַז זיי דאַרפן קאָאָפּערירן אין די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע. ווען שותפים קענען זיך נישט אייניקן, קעמפן זיי אום דעם שטרייט־פּונקט, ביז איינער פאַרלירט און איינער געווינט. שטעל דיר פאָר, אַז די אַרבעטער באַשליסן אויסצוקעמפן זייערע שטרייטיקייטן דורך אַ סטרייק. לויטן געזעץ האָבן זיי דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן דעם סטרייק. שטעל דיר פאָר, אַז די אַרבעטער שטעלן אַרויס אַ פּיקעט־ליין. זיי זיינען שותפים, זאָגן זיי, אין דער פאַבריק; זיי ווילן אויסקעמפן זייער שטרייטיקייט מיט זייערע אייגענע באַלעבאַטים. די באַלעבאַטים פּרואוון ברענגען סטרייק־ברעכער. די אַרבעטער פּרואוון

פארטרייבן די סקעבס. נו, וואס־זשע ווייטער? עס באווייזט זיך די פאליציי. דער געזעץ באשיצט די סקעבס און אטאקירט די סטרייקערס. אויב די ארבעטער ווילן פארט נישט דערלאזן עפענען זייער פאבריק, שיסט מען אף זיי, און די געשיכטע פון סטרייקס אין אמעריקע איז איין לאנגער בלוטיקער וועג פון מערדערייען, וואס דער „געזעץ" איז באגאנגען, באשיצנדיק די סקעבס.

עפעס איז נישט גלאט מיט אזא מין „געזעץ", וואס זאגט, אז דער באלעבאס און דער ארבעטער זיינען גלייך, אבער אין דער זעלביקער צייט נוצט ער זיין גאנצע קראפט צו אונטערדריקן דעם ארבעטער און צו העלפן דעם באלעבאס. קענטיק, עס איז א ווייטער ליגן, אז דער באלעבאס און דער ארבעטער זיינען שותפים אין די ביזנעס און זיינען גלייך פאר דער מלוכה. משמעות, אז די קאפיטאליסטישע מלוכה גופא איז א מערדערישע אינסטיטוציע און גארנישט די פיינע און ליבלעכע „אינסטיטוציע פון פרייהייט", וואס מען מאלט דיר אין סקול און אין די רעדעס פון פאליטישנס.

מיר האלטן, אז די ארבעטער דארפן זיך נעענטער צוקוקן צו די אלע זאכן. מיר האלטן, אז די ארבעטער, וואס אינטערעסירן זיך נישט מיט די דאזיקע אלע זייער ערנסטע פראבלעמען, טוען שלעכטס זיך אליין און זייער קלאס. אויב איר ווילט געפינען א רפואה צו א געוויסער קראנק־הייט, מוזט איר פארשטיין די קראנקהייט.

קאַפּיטל 2

דער דיאַגנאָז

צוויי פּראָפעסאָרן פון קאָלאָמביא־אוניווערזיטעט, אַדאָלף א. בוירל און גאַרדינער ס. מינס, האָבן נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט א בוך אונטערן נאָמען „די היינט־צייטיקע קאָרפּאָראַציע און פּריוואַט־אייגנטום". אין דעם בוך פּרואוון זיי אונטערפירן א סך־הכל פון דער קאָנצענטראַציע פון רייכטום אין די פאַראייניקטן שטאַטן. די צוויי קאָנסערוואַטיווע עקאָנאָמיסטן דערציילן אַט־וואָס. אין יאָר 1929 האָט דאָס נאַציאָנאַלע פאַרמעגן פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַטראָפן 367 ביליאָן דאָלאַרן; פון אַט־דעם פאַרמעגן האָבן 200 גרויסע קאָמפּאַניעס פאַרמאָגט אַן ערך 81 ביליאָן דאָלאַרן — דאָס הייסט אַן ערך 22 פּראָצענט. וויפיל פערזאָן האָבן קאָנטראָלירט אַט־די 200 קאָמפּאַניעס? געווים נישט מער ווי 2,000 פערזאָן. א קליין הייפל מענטשן האָבן קאָנטראָלירט מער ווי א פינפטל פון דעם רייכטום פון דעם לאַנד, וואו עס וואוינען אריבער 120 מיליאָן מענטשן. די צוויי פּראָפעסאָרן זאָגן, אַז דאָס איז „א קאָנצענטראַציע פון עקאָנאָמישער מאַכט" און זיי ווייזן אָן, אַז די קאָנצענטראַציע קומט פאָר זייער און זייער שנעל.

„די גרויס פון דער קאָנצענטראַציע פון מאַכט וואַרפט זיך גענוג אין די אויגן", שרייבן די צוויי. „נאָך מער אָבער וואַרפט זיך אין די אויגן די שנעלקייט, מיט וועלכער פאַרמעגנס זאַמלען זיך אָן אין די הענט פון קאָרפּאָראַציעס. אין 1909 האָט דאָס פאַרמעגן פון די 200 גרעסטע קאָרפּאָראַציעס (נישט רעכענענדיק די באַנקן) באַטראָפן נישט מער ווי 26 ביליאָן דאָלאַרן. אין 1919 האָבן שוין די 200 גרעסטע קאָרפּאָראַציעס פאַרמאָגט 43 ביליאָן מיט 700 מיליאָן דאָלאַרן — א פאַרגרעסערונג אויף 68 פּראָצענט אין 10 יאָר. אין די ווייטערדיקע צען יאָר, צווישן 1919 און 1929, איז דאָס פאַרמעגן אויסגעוואַקסן אויף 81 ביליאָן מיט 100 מיליאָן — א פאַרגרעסערונג אויף 85 פּראָצענט." (זייט 33).

לויט דעם „באַריכט וועגן נאַציאָנאַלן רייכטום און איינקונפט", וואָס די פעדעראַל טרייד קאָמישאָן האָט אַרויסגעגעבן אין 1926, האָט איין פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרמאָגט נישט ווייניקער ווי 59 פּראָצענט פון דעם רייכטום; דאָס זיינען די

גרעסטע העכט; די קלענערע העכט 12 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, האָבן פאַרמאָגט נישט ווייניקער ווי 31 פּראָצענט פון דעם נאַציאָנאַלן רייכטום; די אַרבעטער, די אַרבעטנדיקע פּאַרמערס און די קרעמער, דאָס הייסט 87 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, האָבן פאַרמאָגט קוים 10 פּראָצענט פון דעם נאַציאָנאַלן רייכטום.

דאָס איז קאַפּיטאַליזם אין זיין נייעסטער פאָרמע.

קאַפּיטאַליזם — דאָס איז אַזאַ געזעלשאַפט־סיסטעם, וואו אַלע פּראָדוקציע־מיטלען, די פאַבריקן, גרובן, אייזנבאַנען, געפינען זיך אין די הענט פון פּריוואַט־אייגנטימער, וועלכע רופן זיך קאַפּיטאַליסטן, בשעת די אַרבעטס־קראַפט איז אַ סחורה, וועלכע ווערט פאַרקויפט צו די אייגנ־טימער פון רייכטום צו נוצן אין דער פּראָדוקציע, כדי דער אַרבעטער זאָל אַזוי אַרום קענען מאַכן אַ לעבן. אָט־די קלאַסן־צעטיילונג: אַף קאַפּיטאַליסטן, וואָס קאָנטראָלירן אָדער פאַרמאָגן דעם גאַנצן רייכטום, און אַף אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט אחוץ זייער אַרבעטס־קראַפט, וועלכע זיי מוזן פאַרקויפן כדי צו קענען לעבן, געפינט מען אַף אַלע שטופן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דער נייעסטער קאַפּיטאַליזם פאַרמאָגט אָבער נישט נאָר אָט־די קלאַסן־צעטיילונג, נאָר ער פאַרמאָגט נאָך דערצו אַ ריזיקע קאָנצענטראַציע פון רייכטום. היינטיקע צייטן איז די קאָרפּאָראַציע — דער באַלעבאָס און דער פאַרוואַלטער פון די אינדוסטריען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער קליינער באַלעבאָס, דער אומאָפּהענגיקער מאַנופעקטשורער, איז די אויסנאַם, נישט דער כלל, און אויך ער ווערט קאָנטראָלירט דורך די גרויסע קאָרפּאָראַציעס. דער כלל איז די גרויסע קאָרפּאָראַציע. 83 פּראָצענט פון אַלע קאַפּיטאַל־איינ־וועסטמענטס פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1928 איז געווען אין די הענט פון קאָרפּאָראַציעס („יוטיליטיס", פאַבריקאַציע און פינאַנץ). פון 1922 ביז 1928 האָבן די סטאַקהאָלדערס פון די אַמעריקאַנישע קאָרפּאָ־ראַציעס באַקומען 36 ביליאָן מיט 500 מיליאָן דאָלאַר אין קעש דיווי־דענדס און אַריבער 7 ביליאָן מיט 300 מיליאָן אין סטאָק דיווידענדס. דאָס איז גענוג צו באַווייזן, אַז דיין באַלעבאָס איז מער נישט קיין פּרייער אונטערנעמער, וועלכער האַנדלט ווי ער פאַרשטייט; ער איז היינטיקע צייטן אַ מיטגליד פון אַ גרופּע, פון אַ קאָרפּאָראַציע. די קאָרפּאָראַציע איז דאָס היינט־צו־טאָג דער באַלעבאָס פון די ביזנעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

וואָס־זשע באַקומט זיך?

דו ארבעטסט פאר א באס. דו ביסט זיין „האנט". ער נוצט דיך אויס צו מאכן פראפיטן. ווי קומט עס בכלל, וואס מען קען „מאכן" פראפיטן? גאר פשוט. ער צווינגט דיך ארבעטן מער ווי ס'איז נויטיק צו דעקן די קאסטן פון דיינע שכירות. מיט אנדערע ווערטער: ווען דו ארבעטסט, באשאפסטו נישט נאר דעם ווערט פון די זאכן, וואס זיינען נויטיק פאר דיין לעבן, נאר דו באשאפסט אויך מ ע ר ־ ו ו ע ר ט, וואס גייט אריבער אין די הענט פון דעם אייגנטימער. וואס לענגער דער ארבעטס־טאג, אלץ גרעסער דער מער־ווערט, וואס דו שאפסט אונטער גלייכע באדינגונגען. וואס שנעלער די ארבעט, אלץ א גרעסערן מער־ווערט פראָ־דוצירסטו אין איין און דער זעלביקער צייט.

די סחורה, וואס דו האסט געשאפן, וועט דער באלעבאס פארקויפן אין מארק. ער וועט זי פארקויפן נישט פאר דעם פרייז, וואס ער אליין באשטימט, נאר פאר דעם פרייז, וואס די קארפאראציע האט באשטימט. אויב ער קען פראדוצירן ביליקער ווי זיין שכן, וועט ער באקומען א גרעסערן פראפיט. דעריבער טרייבט ער דיך דו זאלסט ארבעטן שנעלער און שנעלער. צוליב דעם טאקע פירט ער איין נייע מאשינעריע, וואס פאר־בייט די ארבעט און שאפט „טעכנאלאגישע ארבעטסלאזיקייט" — וואס דאס הייסט פשוט, אז ארבעטער ווערן ארויסגעווארפן און די מאשין פארנעמט זייער פלאץ. טאקע צוליב דעם האט דער באלעבאס איינגעפירט אלערליי עפישענסי־אינזשענערן און עקספערטן. בא אים הייסט עס אינדוסטריעלער פראגרעס. אבער ער אליין טראכט דאך גארנישט וועגן פראגרעס. ער טראכט וועגן פראפיטן. יעדער אנדערער באלעבאס טראכט אויך וועגן פראפיטן. יעדער אנדערער באלעבאס פירט איין אן אלץ־שנעלערן ספיד־אפ און שטעלט אריין אלץ נייערע און בעסערע מאשינען. וואס באקומט זיך? אלץ נייע און נייע מאסן ארבעטער ווערן ארויס־געשטויסן פון דער ארבעט און אין דער זעלביקער צייט וואקסט די פראדוציר־פייאיקייט פון די פאבריקן אן א ברעג.

אט דא זיינען מיר דערגאנגען צום סאמע ווארצל פון דעם וואנזין, וואס רופט זיך קאפיטאליזם. די צאל באשעפטיקטע ווערט קלענער. די פראדוציר־פייאיקייט פון די פאבריקן און פלענטס ווערט גרעסער. די שכירות פון די ארבעטער ווערן געשניטן, כדי די פאבריקאנטן זאלן קריגן גרעסערע פראפיטן, אבער צוזאמען דערמיט ווערט פארקלענערט די קויף־קראפט פון די מאסן. מאסן־פראדוקציע קומט פאר מיט א פיבערדיקער שנעלקייט, בשעת דער מארק פאר די סחורות דארט. עס גלויבט זיך קוים,

אז דער מענטשלעכער פארשטאנד זאל דערלויבן אזוינע זאכן, אָבער עס איז דאָך א פאקט, אז גאנץ אמעריקע האָט זיך פארנומען מיט אָט־דער משוגענער ארבעט צווישן 1922 און 1929. אפילו ווען די „פּראָספּעריטי" האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופּע, האָט מען געקענט זען דעם וויסטן ריס אין דער גאנצער סיסטעם. פאבריקן זיינען געוואקסן ווי אף הייוון, אָבער דער מארק איז נישט געוואקסן אזוי שנעל אינעווייניק אין לאנד — צוליב דער עקספּלואטאציע און דער פארארעמונג פון די גרויסע מאסן ארבעטער און פארמערס. אמעריקאנישע אויטאָמאָביל־פאבריקן האָבן גע־קענט פּראָדוצירן 7 מיליאָן מיט 700 טויזנט מאשינען א יאָר; פּראָדוצירט האָט מען נאָר 4 מיליאָן מיט 500 טויזנט. די שטאָל־אינדוסטריע האָט געקענט פּראָדוצירן 65 מיליאָן טאָן א יאָר; אָבער אפילו אין 1929 האָט זי פּראָדוצירט נאָר 56 מיליאָן מיט 400 טויזנט טאָן. די אויל־ראַפינער־פאבריקן האָבן געארבעט נאָר אף דריי־פערטל פון זייער פּראָדוקציע־מעגלעכקייט. די מיינס פון ווייכע קוילן האָבן געקענט ארויסגעבן 750 מיליאָן טאָן א יאָר; אין 1929 האָבן זיי ארויסגעגעבן ארום און ארום 535 מיליאָן טאָן. קאטן־פאבריקן האָבן געארבעט נאָר אף דריי־פערטל פון זייער פּראָדוציר־פייאיקייט. די וואָל־פאבריקן האָבן געארבעט נאָר אף 60 פּראָצענט.

אָבער אפילו דער טייל אָדער פּראָצענט פון די פאבריקן, וועלכע האָבן יאָ געארבעט, האָט פּראָדוצירט א סך, א סך מער, ווי דער מארק האָט געקענט פארשלינגען. אמעריקע האָט פּראָדוצירט סחורה, וואָס האָט ניט געקענט פארקויפט ווערן ניט אין לאנד, ניט אין אויסלאנד; דעריבער איז די קאָנקורענץ געוואקסן צווישן די פאבריקאנטן. יעדער פאבריקאנט און יעדע קאָרפּאָראציע האָט געפּרואווט פארקויפן ביליקער ווי די אנדערע. דערפון האָט זיך גענומען פון איין זייט א גרעסערע עקס־פּלואטאציע פון די ארבעטער, פון דער אנדערער זייט — נייע און נייע מאשינען, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אין די פאבריקן און וואָס האָבן געקענט פּראָדוצירן מער סחורה. וואָל סטריט האָט אין דער זעלביקער צייט אויך ניט געשוויגן. וואָל סטריט — דאָס איז דער נאָמען פאר דער גרעסטער פאראייניקונג פון פינאנציעלע מאניפּולאטאָרס — און זי האָט געטריבן די פּרייזן פון סטאָקס אין הימל אריין. דער פּרייז פון סטאָקס ווערט געבויט אף דער געשאצטער פארדינסט־מעגלעכקייט פון דעם געשעפט, וואָס לאָזט ארויס די סטאָקס. וואָל־סטריט'ס וואָרט־פירער האָבן געזאָגט, אז די פארדינסט־מעגלעכקייט האָט ניט קיין גרענעץ.

פּראָספּעריטי, האָט מען געזאָגט, וועט גיין אַלץ אַרויף און אַרויף אָן אַ סוף. די גרויסע העכט פון דער בירזשע האָבן דערגרייכט געמאַכט ביליאָנען. דער האַנדל אויף דער ניו־יאָרקער בירזשע איז געוואַקסן פון 173 מיליאָן שערס אין 1921 אויף 1,125 מיליאָן שערס אין 1929. דער דורכשניט־פּרייז פון די פירנדיקע אינדוסטריעלע סטאָקס איז געוואַקסן פון 79 דאָלאַרן אין 1921 אויף 366 דאָלאַרן אין 1929. די וואָל־סטריט קאַפּיטאַליסטן האָבן אָפּגעלעקט אַ בײַנדל. יעדער איינער האָט געגלייבט די גרויסקייט פון מאַסן־פּראָדוקציע אין דער היינטיקער אינדוסטריעלער סיסטעם.

דער בנין איז געווען געבויט אויף זאַמד. דער צוזאַמענבראָך איז געקומען. דאָס איז געווען אומפאַרמיידלעך. סטאָקס האָבן גענומען פאַלן שנעלער און שנעלער. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן דערציילט מעשיות, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ „צופאַסונג איבערגעוואַלד”. ס'איז אָבער געווען מער ווי אַ צופּאַסונג. ס'איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע. די פּראָדוקציע, וואָס איז געוואָרן לאַנגזאַמער נאָך פאַרן קראַך, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרקלענערן זייער שנעל. אין 1932 האָט די שטאָל־אינדוסטריע געאַרבעט אויף 15 פּראָצענט פון איר פּראָדוציר־פייאיקייט, די אויטאָמאָביל־פּראָדוקציע האָט זיך פאַרקלענערט אויף 50 פּראָצענט, די פּראָדוקציע פון קוילן — אויף 55 פּראָצענט, די וואַגאָן־אָנלאָדונג האָט זיך פאַרקלענערט אויף 50 פּראָצענט. דער אינדעקס פון עקאָנאָמישער טעטיקייט איז געשטאַנען אַרום 50. די צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין פאַבריקן, האָט זיך פאַרקלענערט אויף 40 פּראָצענט, אָבער די פאַרדינסטן פון אַלע אַרבעטער צוזאַמען האָבן זיך פאַרקלענערט אויף אַן ערך 60 פּראָצענט. אין 1932 האָבן די אַרבעטער אָנגעוואָרן אין שכירות אַן ערך 20 ביליאָן דאָלאַרן.

דער קריזיס שטיקט אונז און דריקט אונז עד היום — און די אַלע קונץ־שטיק פון רוזוועלט'ן מיט זיין „נעשאָנאַל אינדאַסטריעל רעקאָווערי אַקט” האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן.

לאָמיר איצט וואַרפן אַ קריטישן בליק אויף דער גאַנצער לאַגע. מען רופט דאָס „דעפּרעסיע” און מען וויל אונז איינריידן, אַז דאָס איז גלאַט אַזוי זיך אַ צופאַל. אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין צופאַל. דאָס איז איינגעוואָרצלט אין דער גאַנצער נאַטור פון קאַפּיטאַליזם. טו נאָר אַ טראַכט: ווען דו האָסט פון זיך אַרויסגעזאָגט די נשמה אין אַ פאָרד־פאַבריק אָדער אין אַ ראַקעפעלער מאַין, האָבן די קאַרפּן־קעפּ פון די קאָרפּאָראַציעס

אראָפּגענומען די סמעטענע און געזאַמלט ביליאָנען. אַפילו ווען 17 מיליאָן אַרבעטער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס, פּנים אל פּנים מיט נויט און הונגער, האָבן די קאַרפּן־קעפּ פון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס נאָך אַלץ געמאַכט גוטע פּראָפיטן. זיי קענען זיך איצט אויך ניט באַקלאָגן. אמת, זיי מאַכן אַ טרויעריקע מינע און ריידן וועגן „שלעכטע צייטן". אָבער עס האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז אַ טשערמאַן פון אַ באָרד אָוו דירעק־טאָרס זאָל בעטן אין גאַס אַ ניקל צו קויפן אַ „קאָפע". די „קעפּטנס פון אינדוסטריע און פינאַנץ", ווי זיי רופן זיך, לעבן אַ גוטן טאָג, יאָ דער־פּרעסיע צי ניט דעפּרעסיע, אָבער די שכירות פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער זיינען אומדערבאַרעמדיק געשניטן געוואָרן און די אַרבעטסלאָזע זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם זומפּ פון הונגער, אָן שום הילף, אחוץ דעם נעבעכדיקן „האָום רעליף", וואָס קלעקט נישט אַף צו דערהאַלטן דאָס לעבן. „ביג ביזנעס" לעבט נאָך אַלץ אַ גוטן טאָג, בשעת דער אַר־בעטער־קלאַס ליידט. דאַרף דאָס אַזוי זיין?

און ניט נאָר דער אַרבעטער ליידט. דער קליינער און אָרעמער פּאַרמער איז אויך ניט אין קיין בעסערער לאַגע. מיליאָנען פּאַרמערס פילן די שווערע האַנט פון די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און באַנקירן. אַלס פּראָדוצירער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, מוזן זיי פאַרקויפן; אַלס פאַרברויכער פון פאַבריצירטע סחורות, מוזן זיי קויפן. ווען זיי פאַר־קויפן, באַגעגענען זיי זיך מיט די שפּייז־טראָסטס, די מילך־טראָסטס און די טאַבאַק־טראָסטס, וועלכע צאָלן זיי אַ קליינעם חלק פון דעם פּרייז, וואָס דער פאַרברויכער וועט נאָכדעם באַצאָלן די טראָסטס. ווען זיי קויפן, באַגעגענען זיי דעם טראָסט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, די טראָסטס פון אויטאָמאָבילן, די טראָסטס פון באַמיסטיקונג־שטאָפן און די אַנדערע גרויסע קאָרפּאָראַציעס, וואָס רייסן פון זיי די הויט. ווען זיי דאַרפן געלט, פאַלן זיי אַריין אין די לאַפּעס פון די באַנקירן; ווען זיי טראַנספּאָרטירן זייערע פּראָדוקטן, פאַלן זיי אַריין אין די הענט פון די באַן־מאַגנאַטן. אַזוי צי אַזוי, לאָזט זיך עס אויס צו זייערע קעפּ.

דער רייכער פּאַרמער, אַליין אַן עקספּלואַטאַטאָר, קען באַשטיין זיין שטעטל. דעם קליינעם און אָרעמען פּאַרמער איז שלעכט. אין דעם קריזיס זיינען מיליאָנען פּאַרמערס פּאַראָרעמט געוואָרן, אַזוי אַז עס קומט זיי אויס שיר ניט צו קוקן דעם הונגער אין די אויגן. קרעפטיקע אַרבעטסלייט פון דער ערד, אָפּט באַוואָפנט מיט דער בעסטער מאַשינעריע און די בעסטע געצייגן, לעבנדיק אַף אַ פּרוכטבאַרער ערד, וואָס קען שפּייזן

גרויסע מאסן מענטשן — קענען ניט שפייזן זיך אליין! דארף דאס אזוי זיין?

אונטערן „נייעם דיל" זיינען פרייזן אף אגריקולטור־פראדוקטן גע־העכערט געווארן, אבער דער פארמער דארף צאלן העכערע פרייזן פאר די פראדוקטן פון די פאבריקן. די רעגירונג האט גאראנטירט די מארט־געדזשעס פון די פארמערס, אבער די פארמערשע חובות זיינען ניט געווארן קלענער. די רייכסטע פארמערס קענען אפשר עפעס געווינען פון אייניקע מאסמיטלען פון דער רוזוועלט־אדמיניסטראציע; די קליינע און ארעמע פארמערס, מיליאנען לאנדווירטשאפטלעכע פראדוצירער, מאטערן זיך אפן שוועל פון אפגרונט אן שום הילף.

אבער דאס איז ניט אלץ. מיר האבן דערמאנט די אינזשענערן, די צייכענער, די כעמיקער און אלע וויסנשאפטלעך־געשולטע מענער און פרויען, וואס פארוואלטן באמת מיט א היינט־צייטיקער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. זיי האבן געטאן פראכטפולע ארבעט אין פרט פון העלפן אויפבויען די אמעריקאנישע אינדוסטריע. ווען דער קריזיס איז געקומען, האט מען גרויסע מאסן אזוינע ספעציאליסטן ארויסגעווארפן אן שום טענות. די וואס קענען נישט פארוואלטן מיט די אינדוסטריען זאגן אפ די וואס קענען יא פארוואלטן. עס איז א באקאנטער פאקט, אז אינ־זשענערן, וואס האבן אויסגעארבעט דעם פלאן פון דער אכטער עוועניו סאבוויי אין ניו־יארק פארקויפן שיך־בענדלעך אין די גאסן. ארכיטעק־טארן מיט א סך דערפארונג שלאפן אין די פארקן. די קאפיטאליסטן דארפן זיי מער נשט האבן, האט מען זיי געהייסן גיין; מ'האט זיי ארויס־געווארפן ווי אן אלטע שמאטע. מענטשן האט מען אפגעזאגט פון זייערע שטעלעס אין אלע טיילן פון דער קולטור־וועלט. שרייבער און קינסטלער, פראפעסארן און פארשער, דערפינדער און לערער — ניט איין הונדערט טויזנט האבן פארלארן דעם ביסן ברויט. זייער עקאנאמישע לאגע איז גענוג שווער, אבער די לאגע ווערט ערגער דורך דעם, וואס זיי האבן יארנ־לאנג געקוקט אף זיך ווי אף א טייל פון דעם הערשנדיקן קלאס. איצט האט דער הערשנדיקער קלאס זיי געהייסן גיין, ווייל זיי זיינען מער ניט נויטיק — פאר די אייגנטימער פון רייכטום.

איז דאס א צופאל? געוויס נישט. דאס איז א רעזולטאט פון א משוגע'נער סיסטעם, וואו דער רייכטום געפינט זיך אין די הענט ניט פון די וואס פראדוצירן אים, נאר אין די הענט פון די וואס פראדוצירן גאר־נישט און האבן אנגעזאמלט דעם רייכטום פון פרעמדער ארבעט אונטערן

שוץ פון גזעץ; אַ סיסטעם, וואו פּראָדוקציע איז געווענדעט ניט צו באַפרידיקן מענטשלעכע באַדערפעניש, נאָר צו מאַכן פּראָפיטן פאַר די אייגנטימער פון רייכטום; אַ סיסטעם, וואו פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן פאַרגרעסערן זיך געוואַלטיק, בשעת די קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג ווערט פאַרקלענערט דורך לוין־שניטן און דורך דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע פאַרמערס; אַ סיסטעם, וואו דער הויפּט־צוועק פון אַר־בעט—צו באַפרידיקן די מענטשלעכע באַדערפעניש—איז אינגאַנצן פאַר־געסן געוואָרן אין דער יאָגעניש נאָך גרעסערע פאַרמעגנס, נאָך פעטערע בירזשע־געווינסטלעך, נאָך אַן אומדערבאַרעמדיקן זיג איבער דעם קלענערן מענטשל. דאָרט וואו מיר האָבן אָט־די אַלע ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם, מוז קומען אַזאַ לאַגע, ווי די וואָס דריקט אונז היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין אַזאַ לאַגע איז קריג אומפאַרמיידלעך. עקאָנאָמישער קאַמף שפּרייט זיך אויס פון דעם היימישן מאַרק צו אויסלענדישע מאַרקן. עקאָ־נאָמישער קאַמף אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב פירט צו עקאָ־נאָמישע מלחמות, און עקאָנאָמישע מלחמות פירן צו בלוטיקע שלאַכטן — מיט קאַנאָנען און גיפטיקע גאַזן. דאָס איז אַן אמת, וואָס קען ניט ווערן געלייקנט. אפילו פּראָפעסאָר ריימאָנד מאָלי, רוזוועלט'ס געוועזענער הויפּט־ראַטגעבער, האָט דאָס אָנערקענט אין אייניקע פון זיינע אַרטיקלען. אָבער ניט אַלע פאַרשטייען, אַז דאָס איז אַ פונדאַמענטאַלער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם. די מלחמה פון 1914—1918 איז געווען אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי קאָאַליציעס, מיט דייטשלאַנד אַלס פירער פון איין קאָאַליציע און גרויסבריטאַניע אַלס פירערין פון אַ צווייטער — פאַר דעם צוועק צו באַהערשן די וועלט עקאָנאָמיש. גרויסבריטאַניע איז געווען אַן אַלטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה מיט קאָלאָניעס איבער דער גאַנצער וועלט. דייטשלאַנד איז געווען אַ מעכטיקע נייע קראַפט אין דער וועלט פון גרויס־אינדוסטריע און אירע קאָלאָניעס זיינען געווען בערך קליין. ערב 1914 האָט דער קאַפּיטאַליזם זיך מער און מער געוואָרגן אין יעדן לאַנד באַ־זונדער, אַדאַנק דעם ווידערשפּרוך צווישן מאַסן־פּראָדוקציע פון איין זייט און ניט־גענוגנדיקער קויף־קראַפט פון דער צווייטער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויבן. אויסברייטערונג איבער נייע טעריטאָריעס איז געוואָרן אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַרן קאַפּיטאַליזם פון יעדן לאַנד. און אַזוי ווי קיין פרייע טערטאָריעס זיינען מער ניט געבליבן אויפן ערד־קוגל פאַר די גרויסע אינדוסטריעלע מלוכות צו באַהערשן און צו פאַרשלינגען, איז

געקומען דער צוזאַמענשטויס. דאָס איז געווען אַ צוזאַמענשטויס פאַר דער *איבערטיילונג* פון דער ערד.

דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס דראָעט איצט אַ סך שאַרפער ווי פאַר 1914. דער קאַפּיטאַליזם ווערט פּשוט דערוואָרגן אין די גרענעצן פון יעדער מלוכה. דער קאַפּיטאַליזם זוכט צו באַהערשן די מערק פון דער וועלט. דאָס קען מען אָבער ניט טאָן דורך פרידלעכע מיטלען. די לאָנדאָנער עקאָנאָמישע קאָנפערענץ, וואָס האָט געזאָלט דערלייכטערן אַ פרידלעך צוזאַמענאַרבעטן פון די קאַפּיטאַליסטן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. דער רעזולטאַט איז — אַ פאַרשאַרפטע עקאָנאָמישע מלחמה. דעם ערשטן פּלאַץ אין אָט־דער מלחמה פאַרנעמט דער דועל צווישן דעם פונט און דעם דאָלאַר. אָבער אַנדערע קאָנקורענץ־קאַמפן זיינען אויך ניט שוואַכער, ווי דער פאַרשאַרפטער קאַמף צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און יאַפּאַן פאַר דער באַהערשונג פון דעם פּאַסיפיק. דערפון נעמט זיך דער וואוקס פון באַוואָפענונגען אומעטום. דערפון נעמט זיך די פיבערהאַפטע שיף־בוי־אַרבעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און די ריזיקע סומען, וואָס ווערן אויסגעגעבן אויף דער אַרמיי, אויף מיליטערישע אוויאַציע, אויף דעם בוי פון פלאָטן־באַזעס. דערפון נעמט זיך אַ בודזשעט פון אַן ערך איין ביליאָן דאָלאַרן פאַר דער אַרמיי און דעם פלאָט אין דעם היינטיקן יאָר און אַ פאַרגרעסערטער בודזשעט פאַר דעם קומענדיקן יאָר.

קאַפּיטאַליזם איז דער פאָטער פון מלחמה. קאַפּיטאַליזם קען ניט לייזן זיינע ווידערשפּרוכן אָן אַ מלחמה. אָבער אָט־די לייזונג איז דאָך אַ לייזונג פון טויט און צעשטערונג. דער קריג צעשטערט ניט נאָר ווערטפולע מענטשלעכע לעבנס, נאָר אויך גרויסע מאַסן פּראָדוקטן. קריג איז אַ וואַקכאַנאַליע פון צעשטערונג. ווער טראָגט די לאַסט פון דעם קריג? דאָס אַרבעטס־פאָלק. אַזוינע מלחמות זיינען *אימפּעריאַליסטישע מלחמות*, ווייל זיי ווערן געפירט מיט דעם צוועק צו באַהערשן אַנדערע לענדער, וועלכע זאָלן קענען אויסגענוצט ווערן אַלס מערק, אַלס קוואַלן פון רוי־מאַטעריאַלן און אַלס אינוועסטמענט־פּלעצער. דאָרט וואו דער קאַפּיטאַליזם איז אָרגאַניזירט אין גרויסע קאָרפּאָראַציעס צו קאָנטראָלירן דעם מאַרק, האָבן מיר *מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם*; די מלוכות מיט אַ מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם, וואָס אונטערדריקן אַנדערע פעלקער און שטרעבן צו מלחמות מיטן צוועק צו קאָנטראָלירן אויסלענדישע מערק, זיינען *אימפּעריאַליסטישע מלוכות*.

אָט דאָס איז קאַפּיטאַליזם אין זיין היינט־צייטיקער פאָרמע. אָט־דאָס איז קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע. אַ פּאַלאַץ געבויט אַף מענטש־לעכע ביינער. גלאַנץ און פּראַכט פאַר אַ קליינער צאָל מענטשן געקויפט מיט ימים בלוט און טרערן פון גרויסע מאַסן. פּראָגרעס וואָס פאַרקריכט אַלעמאָל אין אַ בלאָטע. פּראָספּעריטי וואָס פרעסט זיך אַליין אויף און פרעסט דערביי אויף אומצאָליקע מענטשלעכע לעבנס. אויסברייטונג וואָס איז מעגלעך נאָר דורך טויטן און פאַרקריפּלען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג וואָס דינט דעם צוועק פון צע־שטערונג. זיכערקייט פאַר ניט־פּראָדוציר; הונגער פאַר פּראָדוצירער. פּאַראַזיטן געהויכט און געשעצט; אַרבעטער אונטערדריקט און פאַראַכט.

דאַרף דאָס אַזוי זיין?

מיר קאָמוניסטן זאָגן, אַז אַזוי דאַרף דאָס ניט זיין. מיר קאָמוניסטן זאָגן, אַ אָט־די געוואַלדיקע פאַרשווענדונג פון מענטשלעכער ענערגיע און נאַטירלעכן רייכטום, אָט־די ליידן פון געוואַלטיקע מענטשלעכע מאַסן, אָט־די חרפּה פון הונגערן אינמיטן אַל־דאָס גוטס, אָט־דאָס לעבן אין הואווערווילס און רוזוועלטבורגס אפן מיסט פון די גרויסע שטעט אין דער צייט ווען די מענטשהייט קען שוין בויען עמפּייער־סטייט טורעמס, אָט־די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז ערגער ווי מלחמה און עפּידעמיעס, קען פאַר־מיטן ווערן. דאָס לעבן קען זיין מענטשלעך. דאָס לעבן קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ כסדר׳דיקן שטראָם פון אַרבעט און קולטורעלן וואוקס. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען דער אַרבעטער־קלאַס הויבט זיך אויף און נעמט איבער אין זיינע הענט און אָרגאַניזירט די געזעלשאַפט אַף אַ נייעם באַזיס. דער דאָזיקער באַזיס דאַרף זיין קאָמוניזם.

קאפיטל 3

די רפואה

מיר שלאגן פאר, אין קורצן, אז אלע נאטירלעכע אוצרות, די גאנצע ערד און אלע געביידעס, אלע פאבריקן, מינעס, אייזנבאנען און אנדערע מיטלען פון טראנספארט און פארקער זאלן זיין ניט פריוואט־אייגנטום, נאר דאס געמיינזאמע אייגנטום פון אלע די וואס ארבעטן. מיר שלאגן פאר, אז די געזעלשאפט זאל באשטיין נאר פון אזוינע וואס ארבעטן, וואס דאס הייסט, אז אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט זאלן זיין געזעל־שאפט־נוצלעכע מענטשן. מיר שלאגן פאר, אז פראדוקציע זאל דינען צו באפרידיקן די באדערפענישן פון די וואס ארבעטן און ניט די באדערפע־נישן פון א קליינער צאל פאראזיטן. די וויסנשאפט זאגט אונז, אז די פראדוקציע און די פארטיילונג פון גיטער קען זיין ג ע פ ל א נ ע ו ו ע ט, אזוי אז עס זאל נישט קענען זיין קיין קריזיסן. א פלאן־ווירטשאפט אפן באזיס פון געמיינזאמען אייגנטום און קלאסן־צעטיילונג איז קאמוניזם.

„פלאן"־ווירטשאפט אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט

איידער מיר גייען ווייטער, לאמיר זאגן א פאר ווערטער וועגן דעם פארשלאג צו האבן א פלאן־ווירטשאפט אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. מען דערציילט אונז, אז דער „נייער דיל" איז אזא מין גע־פלאנעוועטער קאפיטאליזם. רוזוועלט האט פראקלאמירט א „שותפות" צווישן דער רעגירונג און די פאבריקאנטן מיטן צוועק צו רעגולירן שכירות, ארבעטס־שטונדן, די צאל פראדוקטן און די פרייזן פון סחורות. רוזוועלט האט צוגעזאגט אפשאפן דעם קריזיס דורך דעם וואס ער וועט אפשאפן דאס, וואס ס'איז באקאנט אלס די אנארכיע פון פראדוקציע אונטערן קאפיטאליזם.

פאקטן באווייזן, אז געפלאנעוועטער קאפיטאליזם איז אוממעגלעך. מוסאליני האט עס געפרואווט. היטלער האט דאס פראקלאמירט. רוזוועלט האט איינגעפירט א גאנצע ריי נייע אינסטיטוציעס. דער רעזולטאט איז דער זעלביקער קאפיטאליזם אין אן ערגערער פארמע.

רוזוועלט'ס „קאודס", איינגעפירט מיט דער הילף פון דעם „נאציאנאלן

אינדוסטריעלן רעקאָווערי אקט", האָבן ניט אָפּגעשאַפט די קאָנקורענץ. פרייזן דאַרפן באַשטימט ווערן דורך אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פאַבריקאַנטן. ניט אַזוי גיך אייניקט מען זיך אַף אַ פּרייז: מען דינגט זיך און מען דינגט זיך און מען רייסט זיך ווי די קעץ. יעדער איינער ווייסט פאַר זיך, אַז ווי באַלד עס וועט זיך אים לוינען, וועט ער ברעכן דעם אָפּמאַך. אָבער אַפילו ווען דער פאַבריקאַנט האַלט זיך שוין יאָ באַם אָפּמאַך, האָט ער די פולע פרייהייט צו קאָנקורירן מיט די איבעריקע פאַבריקאַנטן דורך דעם וואָס ער פירט איין בעסערע מאַשינען און יאָגט אַרויס פון זיינע אַרבעטער די נשמה דורך אַ גרעסערן „ספּיד־אַפּ". אַט אַזוי באַקומט זיך, אַז דער מעכאַניזם פון דער „נ. ר. א." גופא באַוועגט די קאַפּיטאַליסטן צו פאַרשנעלערן די פּראָדוקציע און צו פאַרבייטן אַרבעטער דורך מאַשינען, וואָס דורך דעם **ווערט די אַרבעטסלאָזיקייט פאַרגרעסערט.**

עס הייסט, אַז רוזוועלט'ס „נייער דיל" העכערט די שכירות. דער אמת איז, אַז די שכירות פון די אַרבעטער זיינען אָפּט געשניטן געוואָרן, דערהויפּט אַף די העכערע סקעילס. אָבער אַפילו דאָרט, וואו די שכירות זיינען עטוואָס פאַרגרעסערט געוואָרן, האָט דאָס ניט געקענט אָפּשאַפן די אַנאַרכיע פון דער אינדוסטריעלער וועלט. ערשטנס, זיינען די פרייזן אַף געברויכס־אַרטיקלען געוואַקסן שנעלער ווי די שכירות, אַזוי אַז די **רעאַלע** שכירות פון די אַרבעטער אין דער פאָרמע פון שפּייז, קליידער און וואוינונגען זיינען אין אמת'ן געשניטן געוואָרן; צווייטנס, האָט די העכערונג פון שכירות אַ שטוים געטאָן די איינפירונג פון נייע מאַשינען. דער „נייער דיל" מיט זיינע הויכע פרייזן, זאָגט דער „אַנאַליסט" (אַ ביזנעס־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן דורך דער „ניו־יאָרק טיימס") פאַרן 28טן יולי 1933, „וועט געבן אַ פּרעמיע די באַמיאונגען צו פאַרקלענערן די פּראָדוקציע־קאָסטן מיט דעם צוועק צו קריגן גרעסערע פּראָפיטן. דאָס וועט דערגרייכט ווערן דורך דעם, וואָס מער קאַפּיטאַל וועט אינוועסטירט ווערן צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, און דאָס קען זייער גוט פירן צו נייע רעוואָלוציאָנערע טעכנישע אַנטוויקלונגען." רעוואָלוציאָנערע טעכנישע אַנטוויקלונגען פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע־פייאיקייט פון די פאַבריקן; אין דער זעלביקער צייט ווערט דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער נידעריקער און דאָס מאַכט פאַר זיי אוממעגלעך צו קויפן אַלע פּראָדוצירטע סחורות. דער זעלביקער ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוקציע־מעגלעכקייט און קויף־קראַפט, וואָס האָט געבראַכט

דעם קראַך פון 1929, איז געבליבן אין פולער קראַפט אונטערן „נייעם דיל". דער בעסטער עדות איז דאָס פאַלן פון דער פּראָדוקציע אין דעם לעצטן פערטל פון 1933.

עס האָט געהייסן, אַז דער „נייער דיל" וועט פאַרבעסערן די דאָליע פון די פאַרמערס. רוזוועלט האָט אַרויפגעלייגט אַ „באַאַרבעטונגס־שטייער" („פּראָסעסינג טעקס") פון 30 סענט אַף אַ בושל ווייץ. דאָס, צוזאַמען מיט אַ שלעכטער גערעטעניש, האָט געהעכערט די פּרייזן אַף ווייץ. רוזוועלט האָט געהייסן פאַרניכטן 3.5 מיליאָן פּעק קאַטן כדי צו העכערן די פּרייזן פון קאַטן. פּרייזן האָבן זיך געטאָן אַ הויב אויף. אָבער די געווינסן, וואָס די פאַרמערס האָבן געקראָגן דורך העכערע פּרייזן אַף זייערע פּראָדוקטן, זיינען אָפּגעווישט געוואָרן דורך די פאַרגרעסערטע פּרייזן אַף פאַבריצירטע סחורות, וואָס זיי האָבן געדאַרפט קויפן. דער „נייער דיל" האָט ניט אָפּגעשאַפט דעם קריזיס אין אַגריקולטור. דער קריזיס איז נאָר נאָך געוואָרן ערגער פאַר דעם גרעסטן טייל פאַרמערס, דערפאַר האָבן די שפּייז־ספּעקולאַנטן (שפּייז־טראָסטס) און די גרויסע לאַנד־באַזיצער „אַריינגעכאַפּט" שווערע מיליאָנען.

ווען מיר קאָמוניסטן ריידן וועגן אַ פּלאַן־ווירטשאַפט, מיינען מיר נישט אַזאַ פּלאַן ווי די „נ. ר. א.", וועלכער לאָזט אַלצדינג אין די הענט פון די פּריוואַטע באַזיצער. מיר מיינען נישט אַזאַ פּלאַן, וואו עס בלייבט די גאַנצע אויסבערענגעריי, די גאַנצע אומפּייאיקייט און די גאַנצע פאַר־ברעכערישע בלוט־זויגעריי פון דעם קאַפּיטאַליזם און וואו עס ווערט נאָר פאַרגרעסערט די מאַכט פון די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און באַנקירן דורך אַן אָפּשאַפונג פון די אַנטי־טראָסט־געזעצן און דורך דערמונטערן די פאַראייניקטע פאַבריקאַנטן צו האַלטן די פּרייזן אַף אַ געוויסער הויך. מיר מיינען נישט אַזאַ סיסטעם, ווי מיר האָבן איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו די אויל־אינדוסטריע קאָנקורירט מיט דער קוילן־אינדוסטריע, און זיי ביידע קאָנקורירן מיט דער עלעקטרישער קראַפט־אינדוסטריע, וואו די רעיאָן־אינדוסטריע קאָנקורירט מיט דער קאַטן־אינדוסטריע און זיי ביידע קאָנקורירן מיט דער זייד־אינדוסטריע, וואו די האָלץ־אינ־דוסטריע קאָנקורירט מיט דער שטאָל־אינדוסטריע אַלס בוי־מאַטעריאַל, די אייזנבאַן־אינדוסטריע קאָנקורירט מיט די באָסעס און זיי ביידע קאָנ־קורירן מיטן וואַסער־טראַנספּאָרט, און אַזוי ווייטער.

מיר מיינען נישט אַזאַ סיסטעם, וואו די גרויסע אינדוסטריאַליסטן שלינגען איין די קליינע און מיטעלע אינדוסטריאַליסטן און וואו די גרויסע

באַנקירן שלינגען איין אַלצדינג (דערמאָנט זיך נאָר דעם רעקאָרד פון דעם הויז מאָרגאַן, ווי ער איז טיילווייז אויפגעדעקט געוואָרן אין סענאַט־פאַרהער צוריק מיט עטלעכע מאָנאַטן).

אמתע געפּלאַנעוועטע עקאָנאָמיק

ווען מיר קאָמוניסטןריידן וועגן אַ געזעלשאַפט, וואָס איז אָרגאַניזירט אויף דעם באַזיס פון געפּלאַנעוועטער פּראָדוקציע און פאַרטיילונג, מיינען מיר אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. דאָס וואָס מיר האָבן אין זינען, איז גאָר פּשוט. עס איז לייכט צו פאַרשטיין. עס איז קלאָר. מאַך אַ סוף צו פּראָדוקציע צוליב פּראָפיטן. רעכן אויס, וויפיל עס איז דאָ נאַטירלעכע אוצרות, פאַבריקן און אַרבעטס־קראַפט. רעכן אויס, וויפיל מען קען פּראָדוצירן אין אַ יאָר צייט אויף יעדן געביט. באַשטים, אַז די באַפעלקערונג זאָל היינטיקס יאָר פאַרברויכן אַזויפיל און אַזויפיל. ווען דאָס איז דורכגעפירט, וועסטו זיין זיכער, אַז קיינער וועט נישט זיין הונגעריק און קיינער וועט נישט בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער דאָס איז נישט גענוג. שטעל זיך פאַר אַ צוועק צו פ אַ ר ג ר ע ס ע ר ן די פּראָדוקציע. נעם צו הילף די בעסטע וויסנשאַפטסלייט, כדי צו פאַרבעסערן דיין מאַשינעריע און דיינע מעטאָדן פון אַרבעט. דערמוטיק וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, כדי די וויסנשאַפט זאָל מאַכן נייע טריט, כדי זי זאָל קענען פאַרבעסערן דאָס לעבן. פאַרבעסער נישט נאָר די אינדוסטריע און די אַגריקולטור, נאָר אַלע זייטן פון דעם לעבן. עס איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז די פּראָדוקציע וועט וואַקסן. צעטייל די פּרוכט פון פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע צווישן אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. פאַרגרעסער זייער וואוילשטאַנד. פאַרגרעסער נאָך מער די פּראָדוקציע דורך אַ ווייטערדיקער פאַרבעסערונג פון די מאַשינען און מעטאָדן לויט דעם לעצטן וואָרט פון וויסנשאַפט. צעטייל די געווינסן פון דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע נאָך אַמאָל צווישן דער באַפעלקערונג אָן אַן אויסנאַם. אַנטוויקל די פּראָדוקציע־טעכניק, כדי רייכער צו מאַכן דאָס עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט און כדי צו פאַרלייכטערן זייער אַרבעט. זאָל דאָס אַזוי אָנגיין אָן אַ סוף. ווען דו טוסט אַזוי, וועט נישט זיין קיין קריזיסן, קיין אַרבעטסלאָזיקייט, קיין עקספּלואַטאַציע, קיין מלחמות, קיין מורא פאַר דער צוקונפט.

איז דאָס מעגלעך?

מיר דאַרפן זיך אַפילו נישט באַרופן אַפן ביישפּיל פון דעם סאָוועטן־

פאַרבאַנד, וואו דאָס ווערט פּראַקטיש דורכגעפירט אין לעבן. מיר קענען זיך באַרופן אויף די פאַראייניקטע שטאַטן. אין יאָר 1928 איז די איינקונפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן געשאַצט געוואָרן אין 89,4 ביליאָן דאָלאַרן. דאָס וואָלט אויסגעמאַכט 750 דאָלאַרן פאַר יעדן איינעם פון די 120 מיליאָן איינוואוינער פון די פאַראייניקטע שטאַטן — מענער, פרויען און קינדער; דאָס וואָלט אויסגעמאַכט העכער 2,000 דאָלאַרן אַ יאָר פאַר אַ פאַמיליע פון דריי, ווען ניט דער פאַקט, וואָס העכער אַ העלפט פון אָט־דער נאַציאָנאַלער איינקונפט איז אוועקגעגאַנגען צו די אייגנטימער פון לאַנד און קאַפּיטאַל. — און דערביי זאָל מען נישט פאַרגעסן, אַז אין יענעם יאָר האָבן די מאַסן ניט שלעכט פאַרדינט. וואָלטן מיר געהאַט קאָמוניזם, וואָלט קיין גראָשן נישט אוועקגעגאַנגען אויף די פּריוואַטע באַזיצער פון לאַנד און קאַפּיטאַל, ווייל עס וואָלט נישט געווען אַזוינע באַזיצער, און אַלצדינג וואָלט אוועקגעגאַנגען צום אַרבעטס־פאָלק, ווייל יעדער איינער וואָלט געטאָן אַרבעט. קאָמוניזם וואָלט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט אַ נאַציאָנאַלער איינקונפט פון אַזאַ גרויס, ווי די איינקונפט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. קאָמוניזם איז אַ סך אַ העכערע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, איידער קאַפּיטאַליזם. אויב דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד אויפן אינדוסטריעלן געביט, האָט געקענט פאַרגרעסערן די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אויף 300 פּראָצענט אין פינף יאָר, וואָלט דאָך אַ פאָרטגעשריטן לאַנד אויפן אינדוסטריעלן געביט, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, זייער לייכט געקענט פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע אין פינף יאָר כאָטש אויף פינף מאָל אַזויפיל. לאָמיר אָננעמען, אַז אַ סאָוועטישע אַמעריקע וואָלט פון אָנפאַנג אָן געהאַט אַן איינקונפט אַזוי גרויס ווי די איינקונפט פון 1928. וואָלט דאָס געהייסן, אַז יעדע פאַמיליע וואָלט צום סוף פון דעם ערשטן אַמעריקאַנישן פינףיאָר פּלאַן געהאַט אַ סך מער ווי 2,000 דאָלאַרן. אויב מיר זאָלן אַריינרעכענען דעם ווערט פון קולטורעלע אַנשטאַלטן, פון געביידעס און אַלע אַנדערע פאַרבעסערונגען, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט זיי נישט אונטערן קאַפּיטאַליזם, וואָלט די יערלעכע איינקונפט זיך באַקומען נאָך גרעסער. אַפילו ווען די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג זאָל נישט גיין זייער שנעל און די מענטשן זאָלן אַרבעטן נאָר פינף שעה אַ טאָג, וואָלט אַ פאַמיליע פון דריי פּערזאָנען אין צען יאָר אַרום געהאַט אין אַ סאָוועטישער אַמעריקע אַ פאַרמעגן, וואָס ווערט היינט געמאָסטן מיט אַן ערך 20,000 דאָלאַרן. און דאָס וואָלט דאָך אויך נאָר געווען אַן אָנהויב, וואָרים

מענטשלעכע דערפינדערישקייט ווייסט נישט פון קיין גרענעץ און דער פראַגרעס פון וויסנשאַפט איז אָן אַ סוף.

ווען די טעכנאָקראַטן זיינען געווען אין דער מאָדע, האָבן זיי ארויס־געשטעלט דעם לאָזונג: אָנווענדן די וויסנשאַפט צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער חסרון איז געווען, וואָס די טעכנאָקראַטן האָבן פאַר־געשלאָגן פאַרבעסערן די פּראָדוקציע, אָבער זיי האָבן נישט פאַרגעשלאָגן ענדערן דעם סאַמע פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט. דעריבער זיינען אַלע זייערע פאַרשלאָגן געבליבן הענגען אין דער לופטן. אין איין פּרט זיינען זיי אָבער געווען גערעכט: זיי האָבן אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע מעגלעכקייטן עס ליגן אין דער וויסנשאַפט און אין איר אַנטוויקלונג פאַר דער באַפרידיקונג פון מענטשלעכע באַדערפעניש.

קאָמוניזם אין פאַרגלייך מיט קאַפּיטאַליזם איז ווי קאַפּיטאַליזם אין פאַרגלייך מיט דער ווירטשאַפט פון אַן אינדישן דאָרף 300 יאָר צוריק. קאָמוניזם בויט. קאָמוניזם דערמוטיקט וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען אויף אַ ריזיקן מאַסשטאַב. קאָמוניזם מאַכט דעם מענטש פאַר אַ הערשער נישט נאָר איבער דער נאַטור, נאָר אויך איבער דער געזעלשאַפט. קאָמו־ניזם פאַרלייכטערט די אַרבעט אַזוי, אַז ער פאַרוואַנדלט זי אין אַן אויפ־זיכט איבער מאַשינען עטלעכע שטונדן אין טאָג. קאָמוניזם גיט דער מענטשהייט פרייהייט צו באַשעפטיקן זיך מיט העכערער אינטעלעקטועלער אַרבעט. קאָמוניזם מאַכט פון יעדן אַרבעטער אַ הויך־קולטורעלע באַ־שעפעניש און ער מאַכט יעדן איינעם פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן וואוילזיין פון אַלע. קאָמוניזם שרייבט אָן אויף זיין טויער: „זאָל יעדער איינער אַרבעטן וועדליק זיינע פייאיקייטן; זאָל יעדער איינער באַקומען פון דעם אָנגעזאַמלטן געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט וועדליק זיינע באַדערפעניש.״ אויף דער נידעריקערער שטופע פון קאָמוניזם, וואָס רופט זיך ס אָ צ י אַ ־ ל י ז ם, הערשט נאָך דער כלל, אַז יעדער איינער באַקומט לויט זיין אַרבעט, און אַזוי ווי די אַרבעט פון מענטשן איז נישט גלייך, באַקומט איינער מער פון אַ צווייטן. אָבער אויך דאָ איז שוין נישטאָ קיין עקס־פּלואַטאַציע, קיין אונטערדריקונג, קיין אומזיכערקייט, קיין אָרעמקייט, נאָר יעדער איינער אַרבעט, און די אַרבעט איז אַ זאַך פון ערע. דאָס לעבן ווערט מענטשלעך. אָט דאָ הויבט זיך אָן דער גרויסער אויפשטייג פון דער מענטשהייט.

:: :: ::

איז דאָס אַן אוטאָפּיע? אפשר חלומ׳ט זיך דאָס די קאָמוניסטן אַ שיינער חלום? מיר ווילן באַווייזן, אַז די קאָמוניסטן זיינען די גרעסטע

רעאַליסטן, אַז די פּראָגראַם, וואָס זיי שלאָגן פאָר, קען דורכגעפירט ווערן אין לעבן. נאָך מער: מיר ווילן באַווייזן, אַז די קרעפטן, וואָס וועלן דאָס פאַרווירקלעכן אין לעבן, זיינען שוין דאָ און אַרבעטן גאַנץ שנעל.

אוטאָפּיע און סאָציאַלע וויסנשאַפט

לאָמיר טאַקע אָנהויבן מיט דער פראַגע פון רעאַליזם. ווער געדענקט נישט דאָס יאָר 1928. די פּראָספּעריטי איז געוואַקסן ווי אַף הייוון. יעדער איינער האָט באַגריסט די נייע צייט. פּראָפעסאָרן האָבן געשריבן געלערנטע וויסנשאַפטלעכע ביכער צו באַווייזן, אַז דער וואוקס פון אינ־דוסטריעלער אויסברייטונג קען גאָרנישט אָפּגעשטעלט ווערן. צייטונגען האָבן באַזונגען די גרויסע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אינדוסטריע, וועלכע האָבן כלומרשט מעגלעך געמאַכט אָט־דעם אויסערגעוויינלעכן פּראָגרעס. גלחים און סצענאַריאָ־שרייבער, וואָדעוויל־זינגער און סענאַטאָרן, גענע־ראַלן און סאַלוויישאָן־אַרמי מיידלעך — ווער האָט דען נישט געזונגען קיין שבחים דעם גרויסן אינדוסטריעלן אויפשוואונג. און די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע דאַרפן כלומרשט זיין געגן קאַפּי־טאַליזם, האָבן אויך דערקלערט, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע שטייגט אַלץ העכער און העכער, אַז זיינע קאָנסטרוקטיווע קרעפטן וואַקסן אומאויפהערלעך און אַז אויב די ראַדיקאַלן ווילן עפּעס דערגרייכן, קענען זיי דאָס נאָר טאָן דורך איינ׳טענה׳ן מיט די באַלעבאַטים פון דעם לאַנד און אַרויסקריגן פון זיי געוויסע קאָנצעסיעס צו פאַרריכטן די אָדער יענע סאָציאַלע איבלען.

אַלצדינג, דאַכט זיך, איז געגאַנגען וואויל און פיין. אָבער די קאָמו־ניסטן האָבן נישט געוואָלט זיך באַטייליקן אין דעם גרויסן יום־טוב. די קאָמוניסטן זיינען געווען באַוואָפנט מיט דער מ אַ ר ק ס י ס ט י ש ע ר מ ע ט אָ ד ע. געוועזן אַזוינע חכמים אין דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָבן אָפּגע׳חוזק׳ט פון דעם „אַלטן דייטשישן געלערנטן" קאַרל מאַרקס. וואָס האָט אָט־דער דייטש פון צוריק מיט פופציק יאָר, זיצנדיק יאָרן־לאַנג אין דער ביבליאָטעק פון דעם בריטישן מוזיי, געקענט וויסן וועגן דער אַמעריקע פון אונזער צייט? — האָבן זיי געפרעגט. דער אמת איז, אַז מאַרקס האָט באַוואָפנט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער מיט אַ מ ע ט אָ ד ע אַף צו פאָרשן די געזעלשאַפט, און די דאָזיקע מעטאָדע קען אָנגעווענדט ווערן אין יעדער געזעלשאַפט, צי מאַרקס לעבט צי נישט. די מאַרקסיסטישע מעטאָדע איז שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן דורך ל ע נ י נ׳ ע ן, וועלכער האָט אָנגעווענדט דעם מאַרקסיזם צו דעם קאַפּי־

טאַליזם פון דעם 20טן יאָרהונדערט, די עפּאָכע ווען עס הערשט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אָט־דעם קאַפּיטאַליזם האָט לענין אַ נאָמען געגעבן אימפּעריאַליזם. מיט דער הילף פון זיין מעטאָדע האָט לענין פּראָוויס־געזען נישט נאָר דעם וועלט־קריג, נאָר אויך די רוסישע רעוואָלוציע.

די מעטאָדע פון מאַרקס און לענין האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די קאָמוניסטן פון אַמעריקע פּראָוויסצוזען דאָס, וואָס די אַלע טויזנטער געלערנטע פּראָפעסאָרן און פּראַקטישע אינדוסטריעלע פירער האָבן נישט באַמערקט: דאָס קומען פון דעם קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַרוואָס האָבן זיי געקענט פּראָוויסזען דאָס קומען פון דער קאַטאַס־טראָפע? דערפאַר וואָס זיי האָבן אַנאַליזירט די פונדאַמענטאַלע קרעפטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי האָבן פאַרשטאַנען די ווידער־שפּרוכן, וואָס האַלטן זיך אין אַנטוויקלען. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט נאַרן דורך דעם איבערפלעכלעכן פּראָגרעס. זיי זיינען געווען די איינציקע רעאַליסטן אין אַמעריקע. אין פאַרגלייך מיט זיי האָבן אַזוינע מענטשן ווי פאָרד און מאָרגאַן, מעלאָן און דאָאַז, האָוווער און מילס אויסגעזען ווי נאַראָנים, וואָס יאָגן זיך נאָך שאָטנס.

אָדער נעמט אַן אַנדערביישפּיל. נעמט דעם רעאַליזם פון די סאָ־וועטישע דערגרייכונגען. ווען די קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס) האָבן פאַר־כאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד אין נאָוועמבער 1917, האָבן אַלע קלוגינקע לייטלעך פון דער גאַנצער וועלט, שטאַטסלייט און פּראָפעסאָרן, סאָציאַ־ליסטן און ליבעראַלן, פּראָוויסגעזאָגט דעם אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענ־ברוך פון דעם נייעם רעזשים. אָבער די קאָמוניסטן האָבן געזאָגט, אַז דאָס נייע קען וואַקסן. דאָ, ווי אומעטום, זיינען די קאָמוניסטן געווען באַוואָפנט מיטן מאַרקסיסטישן אַנאַליז. זיי האָבן געאַרבעט אונטער דער פירערשאַפט פון לענין. זיי האָבן געוואוסט דאָס, וואָס אַלע טעאָרעטיקער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן נישט געוואָלט איינזען: אַז אַ נ י י ע ק ר אַ פ ט איז געקומען צום לעבן אין דעם אַרבעטער־קלאַס, אַ ניי באַוואוסטזיין וואָס שטאַמט פון דער נייער פרייהייט, אַ נייע שלאָג־קראַפט וואָס קען נישט ווערן געבראָכן. איז דאָס געווען אַ אוטאָפּיע? איז דאָס געווען אַ חלום? ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן. די קאָמוניסטן זיינען געשטאַנען אויפן אייזערנעם פונדאַמענט פון וויסנשאַפט, פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט. די קאָמוניסטן זיינען די איינציקע סאָציאַלע וויסנשאַפטלער אין דער היינטיקער וועלט.

אַ וויסנשאַפטלער איז נישט געגן טרוימען, נאָר וואָס דען — זיינע

טרוימען זיינע רעאַלע. אַ וויסנשאַפטלער זעט אין זיין געדאַנק די גאַנצע געביידע, וואָס ער פּלאַנעוועט אויפצושטעלן, נאָך איידער עס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דער ערשטער שטיין. איז דאָס אַ טרוים? הויבט זיך גאָר נישט אָן. דער וויסנשאַפטלער איז באַוואָפנט מיט אַ פאַרשטענדעניש פאַר די געזעצן פון דער נאַטור; ער קען זיין מאַטעריאַל; ער ווייסט ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם מאַטעריאַל; ער זעט אין געדאַנק אַלע פּראָצעסן, וואָס וועלן פאָרקומען אין מאַטעריאַל ביז ער וועט אָננעמען די פאָרמע פון דער געביידע, וואָס ער וויל אויפשטעלן. ער קען די מאַשינעריע און אַלע איבעריקע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אַף דורכצופירן דעם פּלאַן. און דאָך איז ער דער גרעסטער טרוימער אין דער געשיכטע, ווייל ער טרוימט פון זאַכן, וואָס קענען עקזיסטירן. זיין טרוים איז נישט קיין שאָטן. זיין טרוים זאָגט פאָראויס די ווירקלעכקייט, וואָס האַלט אין קומען.

אין דעם זעלביקן זין זיינען די קאָמוניסטן אויך טרוימער. אָבער זיי זיינען פּראַקטישע טרוימער. זיי זעען די קרעפטן, וואָס אַרבעטן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. זיי זעען, וואוהין עס פירט אָט־די אַרבעט. זיי פאַרשטייען דעם אומפאַרמיידלעכן רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענשטויס פון סאָציאַלע קרעפטן. זיי פאַרשטייען, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי צו פאַרשנעלערן דעם אומפאַרמיידלעכן רעזולטאַט. זיי האָבן פאַר זייערע אויגן אַ בילד פון די פונדאַמענטן פון דער נייער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַף די חורבות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי זעען די סאָציאַלע אינסטרומענטן, דורך וועלכע אָט־דער שטרויכל־שטיין, די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, קען אָפּגערייניקט ווערן פון דעם וועג, כדי צו לאָזן אים אָפּן פאַר דער נייער, קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. זיי לייגן צו זייערע קרעפטן אין דעם נויטיקסטן פּונקט, כדי צו דערגרייכן די גרעסטע רעזולטאַטן.

נישט אַרויסלאָזנדיק פון דעם אויג דעם ענדציל, די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, רוקן די קאָמוניסטן אַרויס אַ פּראַקטישע און רעאַליסטישע פּראָגראַם פאַר יעדן טאָג. זיי הייסן דיר נישט זיצן און וואַרטן און נישט רירן זיך פון אָרט ביז די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט דיר אַריינפאַלן אין שויס אַריין אַ פאַרטיקע, ווי עס פאַלט אַ צייטיקער עפּל פון אַ בוים. זיי אַרבעטן אויס פאַרן אַרבעטער־קלאַס אַ פּראָגראַם פון אַרבעט, אַ פּראָגראַם פון קאַמף, וואָס איז געגרינדעט אַף די באַדערפענישן פון די אַרבעטער און עקספּלואַטירטע פאַרמערס אין דער איצטיקער צייט.

קאפיטל 4

די מלוכה

מיר האָבן באטראכט די עקאָנאָמישע סיסטעם פון קאפיטאַליזם. לאָמיר איצט א קוקן געבן אף זיין פּאָליטישער געביידע, די מלוכה.

מען דערציילט אונז, אז מיר לעבן אין א ד ע מ אָ ק ר א ט י ע, אז די אינסטיטוציעס פון דעם לאַנד זיינען פעסטונגען פון פרייהייט, אז די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן איז א רעגירונג פון דעם פאָלק און פאר דעם פאָלק. פון צייט צו צייט לאָזט מען אונז אָפּגעבן אונזער שטימע, און צו דער געלעגנהייט דערציילט מען אונז, אז דורך דעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט דריקט זיך אויס דער „העכסטער ווילן פון דעם פאָלק".

אָבער פונדעסטוועגן באקומט זיך, אז דו אַלס ארבעטער און מיליאָנען אזוינע ווי דו האָבן בא דער מלוכה גאָר א קנאפע דעה. נעם כאָטש אזא זאך ווי ארבעטסלאָזיקייט־פארזיכערונג. עס איז נויטיק פאר די ארבעטער, אז דאָס געזעץ זאָל גאראנטירן יעדן ארבעטסלאָזן א מינימום צום לעבן. עס גייט שוין דאָס פינפטע יאָר נאָכן אָנהויב פון דעם קריזיס. א סך געזעצן זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן צו באשיצן די באנקירן, די ריעל־עסטייטניקעס, די מארטגעדזש־האַלטערס, די אייזנבאַן־מאגנאטן, אָבער קיין איינציקער געזעץ איז נישט ארויסגעגעבן געוואָרן צו דערלייכטערן די ליידן פון די ארבעטסלאָזע דורך דירעקטער הילף פון דער מלוכה. ווען עס קומט צו העלפן די ארבעטער, איז די מלוכה נישטאָ אין דער היים.

אָדער נעם אַן אנדער ביישפּיל. מיר קענען זיך נישט באקלאָגן, אז עס פעלן אין לאַנד געזעצן און געריכטן און געפענגענישן און היטער פון געזעץ — און דערציילן דערציילט מען אונז, אז אַלע בירגער זיינען גלייך פארן געזעץ. אָבער דו ווייסט אויסגעצייכנט, אז א גרויסער שווינדלער, א באנקיר, וואָס האָט אוועקגעראבעוועט פון טויזנטער מענטשן זייערע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, א רעקעטיר, וואָס רייסט ארויס הונדערטער טויזנטער פון אומשולדיקע מענטשן, פאַלט זעלטן אריין אין געפענגעניש. אויב יאָ, קריגט ער באַלד א „פארדן" אָדער ער לעבט אין געפענגעניש

מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, ווי גאָט אין אָדעס. אָבער אויב דו, אַן ארבעטער, זאָלסט גנב'ענען אַ לאַבן ברויט, ווייל דו ביסט הונגעריק, וועט דער געזעץ דיך אַריינגעמען אין זייערע אייזערנע לאַפּעס און דו וועסט האָבן צו געדענקען.

דעם רייכנ'ס מלוכה

דער אמת איז, אַז דאָס איז דעם רייכנ'ס מלוכה און דעם רייכנ'ס רעגירונג. די מלוכה עקזיסטירט צו טאָן ארבעט פאַרן פינאַנץ־קאַפּיטאַל און צו זען באַשיצן זיינע אינטערעסן געגן דעם פאָלק. די רעגירונג איז די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון די גרויסע טראָסטס.

אַן אַמעריקאַנישער ארבעטער וועט אפשר זיין איבערראַשט צו הערן אַזאַ זאַך. פאַראַן גענוג ארבעטער אין אַמעריקע, וואָס מ'האָט זיי אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט דער „דעמאָקראַטיע"־קלאָטשע, אַז ווען זיי הערן דעם אמת וועגן דער מלוכה, דאַכט זיך זיי, אַז מען פאַרשוועכט אַ הייליקע זאַך. אָט־דאָס טאָקע ווילן די באַלעבאַטים דערגרייכן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע. זיי ווילן דו זאָלסט גלויבן, אַז די מלוכה איז הייליק און אַז די הויכע באַאַמטע זיינען שיינענדיקע צדיקים. אַלע צערקוועס און סינאַגאָגעס, שולן, צייטונגען, ראַדיאָס, לעקטשורס, מוּאווים און אַנדערע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע אונטערן קאָנטראָל פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן פאַר־נעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן פאַלשע געדאַנקען וועגן דער מלוכה. אָבער דאָך, טו אַ טראַכט וועגן אַזאַ פשוט'ער זאַך, אַז איין פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג קאָנטראָלירט אַן ערך צוויי־דריטל פון דעם רייכטום פון דעם לאַנד, — וועט דיר נישט זיין שווער צו פאַרשטיין, אַז די מענטשן, וואָס בילדן אָט־דעם איין פּראָצענט, מוזן האָבן אָן אָן ערך מער מאַכט, איידער די מענטשן וואָס בילדן די 87 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג וואָס פאַרמאָגן אַלע צוזאַמען נאָר 10 פּראָצענט פון דעם נאַציאָנאַלן רייכטום. פאַרגלייך דיין איינענעם איינפלוס מיטן איינפלוס פון דעם אָרטיקן גרויסן באַנקיר ווען עס קומט אויס צו האָבן צו טאָן מיטן פּאָליס־מאַן, דעם פּאָליס־קעפּטן, דעם ריכטער, דעם געפּענגעניש־אויפזעער, דעם גובערנאַטאָר, דעם געזעצגעבנדיקן אַנשטאַלט. עס איז דאָך אַלעמען באַ־וואוסט, אַז אַ פּראָסטער ארבעטער רעכנט זיך פאַר גאָרנישט ווען עס קומט צו די אינסטיטוציעס פון דער מלוכה־מאַכט.

די מלוכה איז אַ מאַכט־אינסטרומענט אין די הענט פון די גרויסע אינדוסטריאַליסטן, באַנקירן און לענדלאָרדס, וואָס צוליעב דעם זיינען זיי

דער הערשנדיקער קלאַס. די מלוכה עקזיסטירט אַף צו פאַרווירקלעכן די עקספּלואַטאַציע און די אונטערדריקונג פון די אַרבעטער און די אָרעמע און קליינע פאַרמערס און די אונטערדריקונג פון די אונטערגעיאָכטע קאָלאָניאַלע פעלקער. די קאָנסטיטוציע, די רעגירונג, אירע געזעצן, אירע אגענטן: די אַרמיי, די מיליציע, די פּאָליציי, די געריכטן, די געפענגענישן, ד געזעצגעבנדיקע אַנשטאַלטן — אַלצדינג עקזיסטירט אַף צו פאַרווירקלעכן די עקספּלואַטאַציע פון דיר און מיליאָנען אַזוינע ווי דו.

מיר ווייסן, אַז אַמעריקאַנישע אַרבעטער האָבן נישט ליב, ווען מען רופט זיי „עקספּלואַטירטע" און „אונטערדריקטע". מען האָט זיי געלערנט פאַלשן שטאָלץ — נישט דעם שטאָלץ פון אָפּזאָגן זיך צו ווערן עקספּלואַטירט, נאָר דעם שטאָלץ פון אָפּזאָגן זיך מודה צו זיין, אַז זיי ווערן עקספּלואַטירט. אָבער צי זיי זיינען מודה, צי נישט, דער פאַקט בלייבט, אַז די קוילן־באַראָנען קוועטשן אַרויס דעם לעצטן טראָפּן פון דער אַרבעטער'ס בלוט צוליב די פּראָפיטן, און ווען די אַרבעטער גייען אַרויס אין סטרייק, שיקט די מלוכה אירע דעפּיוטי־שעריפס און איר מיליציע צו ברעכן זייער ווידערשטאַנד. דאָ, אין צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, קענסטו באַלד דערקענען די מלוכה אַלס דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און דעם שטאַרקן אָרעם פון דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַל.

אין אַמעריקע האָט מען נישט ליב צו ריידן וועגן דעם צוזאַמענשטויס צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. צייטונגען רופן דאָס „לייבאָר דיספּיוט". דערמיט וויל מען זאָגן, אַז דאָס איז גלאַט אַ סכסוך צווישן מענטשן אַף אַ גלייכן באַזיס. מען וויל זאָגן, אַז דאָס דינגען זיך צוויי צדדים וועגן אַן אָפּמאַך, ווייל זיי גייען זיך פונאַנדער אין געוויסע פּונקטן. עס דאַרף זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן די שטרייט־פּונקטן געסעטלט ווערן אַף אַ פרידלעכן און פריינטלעכן אופן. דאָס איז אַ פאַלשע און פאַרפירערישע אידייע! עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „לייבאָר דיספּיוטס". עס איז דאָ בײַ די קאַפּיטאַליסטן אַ פאַרלאַנג אַרויס צופּרעסן וואָס מער בלוט און שוויים פון די אַרבעטער, און עס איז דאָ בײַ די אַרבעטער אַ פאַרלאַנג צו באַקעמפן זייער שונא, וואָס לעבט פון זייער אַרבעט. עס איז דאָ אַ מלחמה. דאָס איז די קלאַסן־מלחמה. זי ווערט געפירט דורך די פאַרטרעטער פון איין קלאַס, די אונטערדריקער, געגן די מאַסן פון דעם אַנדערן קלאַס, די אונטער־דריקטע. אין אָט־דער מלחמה איז די מלוכה אַלעמאָל אומפאַרמיידלעך

אף דעם צד פון די אונטערדריקער. אייניקע פון די פארטרעטער פון דער מלוכה מעגן פרואוון דערגרייכן די צוועקן פון די קאפיטאליסטן דורך איינריידן, דורך מולירן די ציין. אבער וואס זיי זאלן נישט טאן — דעם גרויסן שטעקן האלטן זיי שטענדיק גרייט. די מלוכה — דאס איז דער גרויסער שטעקן פון די אייגנטימער פון רייכטום, דער גרויסער שטעקן פון די גרויסע קארפאריישאנס. דאס איז דער איינציקער רעאליסטישער קוק אף דער מלוכה. יעדער איינער, וואס פרואווט דיר איינריידן, אז די מלוכה איז דיין פריינט, דיין באשיצער, אז די מלוכה איז אומפארטייאיש, אז זי עקזיסטירט נאר צו „רעגולירן", איז א פארפירער.

רוזוועלט האלט אין איין איינ'טענה'ן, אז די מלוכה עקזיסטירט צו פארטיידיקן סיי די אינדוסטריע, סיי די ארבעטער. אבער אין דער קאפיטאליסטישער סיסטעם קען מען דאך נישט באשיצן סיי די „אינ-דוסטריע" (ד. ה. די קאפיטאליסטן), סיי די ארבעטער! ווען מען באשיצט די „אינדוסטריע", גיט מען איר פרייהייט צו עקספלואטירן די ארבעטער. ווען מען באשיצט די ארבעטער, מאכט מען פאר זיי מעגלעך ארויסצוקריגן מער פון דער „אינדוסטריע". מען קען נישט פאראייניקן פייער מיט וואסער.

דער אמת איז, אז בא רוזוועלט'ן איז די רעגירונג א סך א בעסערער אינסטרומענט צו דינען דעם גרויס-קאפיטאל, איידער זי איז געווען אין די הענט פון הואווער'ן. עס האט געהייסן, אז מען באשאפט דזשאבס, האט מען צוליב דעם איינגעפירט אינפלאציע, וואס דאס האט פאר-קלענערט די ווערט פון דעם דאלאר. עס האט געהייסן, אז מען העכערט ווייזדשעס, האט מען צוליב דעם געהעכערט די פרייזן פון סחורות אף אזויפיל, אז די פארדינסטן פון די ארבעטער, אויסגעדריקט אין גע-ברויכס-ארטיקלען, זיינען געווארן קלענער. עס האט געהייסן, אז מען העלפט די פארמערס, האט מען גאראנטירט די מארטגעדזשעס פאר די מארטגעדזש-האלטערס און די פארמערס מוזן צאלן אונטער רעגירונגס-קאנטראל. עס האט געהייסן, אז מען ראטעוועט דעם קרעדיט פון דעם לאנד, האט מען דערלויבט די גרויסע באנקן איינצושלינגען א גרויסע צאל קלענערע באנקן און די קלענערע איינצושלינגען די אפגעשפארטע גראשנס פון אומצייליקע ארבעטער און פארמערס. עס האט געהייסן, אז מען זיכערט דעם אמעריקאנישן האנדל, האט מען זיך אוועקגעלאזט בויען קריגס-שיפן אף אזא פארנעם, וואס מ'האט דאס נישט געזען אין אמעריקע זינט דער לעצטער מלחמה. עס האט געהייסן, אז מען רעגולירט די אינ-

דוסטריע, האָבן די גרויסע קאָרפּאָראַציעס באַקומען נאָך מער מאַכט אַפן חשבון פון די קליינע ביזנעסלייט און, דער עיקר, אַפן חשבון פון די אַרבעטער.

באַ רוזוועלט'ן אַרבעט די מלוכה אָווערטיים. אַט־די אַלע „אַדמיני־סטראַטאָרס", „אַדזשאַסטערס" און „קאָנסאָלידאַטאָרס" זיינען נאָר אַגענטן פון דער מלוכה, וואָס דינען די אינטערעסן פון גרויס־קאַפּיטאַל. די מלוכה אין יעדן שטאַט באַזונדער איז ניט מער ווי אַ סיסטעם פון מאַכט־אינסטרומענטן אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן. די מיליציע לאָזט פילן די אַרבעטער איר אייזערנע האַנט. שטריפּס ברעכן סטרייקס. פּאָליסלייט פירן דורך עוויקשאָנס. מיליטאַנטע אַרבעטער ווערן אַריינ־געזעצט פאַר סטרייק־טעטיקייט. אַרבעטסלאָזע און זייערע פירער ווערן געשלאָגן און אַרעסטירט פאַר פאָדערן רעליף. נעגערס ווערן געלינטשט אונטער דער פריינטלעכער אויפזיכט פון דער מלוכה.

די מלוכה שלאָפט נישט. אויב דו, אַן אַרבעטער, פאַרשטייסט נישט, אַז די אַלע בלאָע רעק און דיסטריקט־אַטוירנים, ריכטער און טורמע־אויפזעער, גובערנאַטאָרן און פּרעזידענטן, גענעראַלן און אַדמיראַלן, צו־זאַמען מיט די דזשענטלליים פון די געזעצגעבנדיקע אַנשטאַלטן, פעדע־ראַלע און לאָקאַלע, זיינען נישט מער און נישט וויניקער ווי אַ באַטאַליאָן אַגענטן פון גרויס־קאַפּיטאַל, הייסט עס, אַז די אַלע פיינע לייט האָבן מיט דיר דערגרייכט זייער ציל: דו דענקסט פונקט אַזוי, ווי עס איז גוט פאַר זייערע אינטערעסן.

די קאָמוניסטן זיינען די איינציקע גרופּע אין דער איצטיקער געזעל־שאַפט, וואָס אָנערקענט דעם פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער פון דער קאַפּי־טאַליסטישער מלוכה. די מלוכה מעג ענדערן איר אויסזען און אירע ציטאַטן. זי מעג נוצן די פּאַרלאַמענטאַרישע סיסטעם, מיט אַ באַגרענעצ־טער רעדע־פרייהייט פאַר די געגנער — אַזוי לאַנג ווי די אָפּאָזיציע איז נישט געפערלעך. זי פאַרגרעסערט דעם דרוק און פּרוּווט דערשטיקן די שטים פון דער אָפּאָזיציע, ווען די לאַגע איז אַזעלכע, אַז גרויס־קאַפּיטאַל ווערט באַאומרואיקט — ווי דאָס איז געווען אין דער מלחמה־צייט אונטער ווילסאָנ'ס אַדמיניסטראַציע. זי מעג איינגאַנצן אָפּשאַפן די פּאַר־לאַמענטאַרישע פאָרמאַליטעטן און איינפירן אָפענעם טעראָר, ווען די געפאַר ווערט באַזונדערס שאַרף פאַרן קאַפּיטאַליזם צוליב דער שטייגנ־דיקער כוואַליע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי דאָס איז געווען אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד. די פאָרמען בייטן זיך. די

פראזעאלאגיע ענדערט זיך לויט דער צייט און ארט. דער עצם בלייבט. דער עצם פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה איז דינסט פארן קאפיטאליזם כדי צו דערהאלטן דעם קאפיטאליזם.

די אנדערע פאליטישע פארטייען

אין דער פראגע פון מלוכה קומען די קאמוניסטן נאטירלעך און אומפארמיידלעך אין צוזאמענשטויס מיט אנדערע פאליטישע פארטייען. די פראגע שטייט אזוי: קענען די ארבעטער זיך באפרייען דורך דעם, וואס זיי וועלן פשוט איבערנעמען די מלוכה־מאשין פון קאפיטאליזם? די ליבעראלן זאגן: יא; די לייבאריסטן זאגן: יא; די סאציאליסטן זאגן: יא; די קאמוניסטן זאגן: ניין.

די ליבעראלן זיינען נישט צופרידן מיט דער ארבעט פון דער מלוכה. זיי ווייזן אן אף „חסרונות". זיי פארמאכן נישט זייערע אויגן אף דעם פאקט פון אומגלייכהייט. זיי ווייסן זייער גוט, אז די קאפיטאליסטישע מלוכה פירט צו מלחמה. אבער וואס שלאגן זיי פאר? זיי שלאגן פאר א לאטקעלע דא און דארט. איינע אזא לאטקע זיינען געווען דירעקטע פריימערים. אן אנדער לאטקע איז געווען — אפשאפן די „לעים־דאק"־סעסיעס, דאס הייסט, אז קאנגרעסלייט, וואס זיינען באזיגט געווארן אין די וואלן, זאלן מער נישט זיצן אין קאנגרעס א גאנץ יאר, ווי ביז אהער. אן אנדער לאטקעלע איז געווען די איניציאטיווע און דער רעפערענדום. אבער דאס האט גארנישט צו טאן מיט דעם כאראקטער פון דער מלוכה אלס א פעסטונג פון פריוואט־אייגנטום און קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע.

אויב מען פארבעסערט די וואל־געזעצן, אויב מען פארגרעסערט די פרעסע־פרייהייט, ווי וויכטיק דאס זאל נישט זיין פאר דעם ארבעטער־קלאס, רירט דאס נישט אן דעם פונדאמענט פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה, — דאס וואס די מלוכה איז אן אינסטרומענט פון מאכט אין די הענט פון די גרויסע אייגנטימער פון רייכטום. פארבעסערט די מלוכה, וועט זי זיין בויגעוודיקער, פייאיקער זיך צוצופאסן צו די אומשטענדן; הייסט דאס, אז איר האט זי געמאכט פאר א בעסערן אינסטרומענט פון אונטערדריקונג.

די אמעריקאנישע ארבעטער־פירער, אזוינע ווי וויליאם גרין, מעטיו וואל און דזשאן לואיס, ווילן נישט, אז עס זאל ארגאניזירט ווערן א

רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע פּאַרטיי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זיי זיינען נישט געגן דעם קאַפּיטאַליזם, נישט אַפילו אין ווערטער. זיי שלאָגן פאָר צו שטיצן אַזוינע פּאַרטעיען פון דער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס זיינען גרייט דורכצופירן רעפאָרמען פאַר די אַרבעטער.

עס איז נישט כדאי צו פאַרלירן אַ סך ווערטער וועגן דער פּראָגראַם פון אַזוינע „לייבאָר לידערס", וואָס זאָגן, אַז מען דאַרף „באַשטראָפן די פיינט און באַלוינען די פריינט". די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען פּאַרטייען פון גרויס־קאַפּיטאַל. זיי מעגן קעמפן איינע קעגן דער אַנדערער באַ די וואַלן פאַר דעם קאָנטראָל פון דער אַדמיניסטראַציע, אָבער דער אונטערשייד צווישן זיי איז גאָר אַ קליינער און זיי ביידע טוען דעם ווילן פון די גרויסע טראָסטס. זייערע קאַסעס זיינען אָנגעפילט פון די גאָלד־זעק פון די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און באַנקירן, און אָפט זיינען זייערע הויפּט־פירער אַליין גרויסע אינדוסטריאַליסטן און באַנקירן (ענדריו מעלאָן, טשאַרלס דאָאָז, דוויט מאָראָו אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי; אָוען ד. יאָנג, דזשאָן ראַסקאָב, בערנאַרד באַרוך אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי). האָפן, אַז די פירער פון אָט־די פּאַרטייען וועלן העלפן די אַרבעטער דערגרייכן זייער ציל, הייסט האָפן, אַז דער טיגער וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שאָף.

די סאָציאַליסטן, פון דער אַנדערער זייט, האָבן זייער אייגענע פּאָליטישער פּאַרטיי, און זיי זאָגן, אַז זיי זיינען געגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָפט ריידן זיי גאָר קלינגענדיקע ווערטער וועגן די איבלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָבער וואָס שלאָגן זיי פאָר? זיי שלאָגן פאָר צו „פאַרבעסערן" די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה און אַזוי אַרום צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ געצייג פון אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף רייכטום. מיט אַנדערע ווערטער, זיי פּרעדיקן דעם אומזין פון פאַרוואַנדלען דעם עקספּלואַטאַטאָרישן שטעקן אין אַ רויזן־בוימעלע און צו דערגרייכן דאָס דורך אַ תפילה. אַזוי ווי אָט־די „טעאָריע" באַווייזט זיך אין אַ מאַנטל פון סאָציאַליזם און אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ סך אַרבעטער, וואָס נעמען דאָס פאַר אַ גוטע מטבע, איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע אַ ביסל גענויער.

אַ רעוואָלוציע נישט נויטיק?

די סאָציאַליסטן זאָגן, אַז אַ רעוואָלוציע איז נישט נויטיק. זיי זאָגן,

אַז די דעמאָקראַטיע האָט שוין צוגעגרייט פאַר די אַרבעטער אַלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק צו דערגרייכן סאָציאַליזם. זאָלן די אַרבעטער נוצן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט צו שיקן סאָציאַליסטן אין די געזעצגעבנדיקע אַנשטאַלטן. זאָלן די סאָציאַליסטן דאָרט בילדן אַ מערהייט. ווען דאָס איז דערגרייכט, איז שוין דער וועג אָפן פאַר אָפּשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. אמת, די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע פאַרבאָט קאָנפיסקירן פאַרמעגנס דורך אַ געזעץ, אָבער דאָס, זאָגט דער פירער פון די אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטן, מר. נאָרמאַן טאָמאַס, קען נישט זיין קיין שטער. לאָמיר צוזאַמענרופן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג צו אַמענדירן די קאָנסטיטוציע אַזוי, אַז דער קאָנגרעס זאָל האָבן אַ רעכט אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע געזעצן. זאָל דער קאָנגרעס דאַן אַרויסגעבן אַ געזעץ, וואָס הייסט די גרויסע קאָרפּאָראַציעס אָפּצוגעבן זייערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און זייער גאַנצן פאַרמעגן דער מלוכה. אויך דעמאָלט דאַרפן מיר זיי נישט עקספּראָפּריאירן, זאָגן די סאָציאַליסטן, דאָס — נישט! לאָמיר זיי צאָלן מיט באַנדס, וואָס די רעגירונג וועט אַרויסלאָזן און וואָס וועלן דאַרפן אויסגעלייזט ווערן אין 30 יאָר. דאָס וועט הייסן איינגעפירט סאָציאַליזם דורך פרידלעכע מיטלען. ניטאָ קיין רעוואָלוציע, ניטאָ קיין פאַרכאַפּונג פון מאַכט; ניטאָ קיין איבערגעטראָטענע געזעצן; ניטאָ קיין מאַסן־אַקציעס; ניטאָ קיין עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן. אַלצדינג געזעצלעך. אַלצדינג דזשענטלמעניש. דער וואַל־געזעץ אַרבעט. די בירגער שטימען. דער קאָנגרעס פאַרזאַמלט זיך. די סאָציאַליסטישע מערהייט אין דעם רעפּרעזענטאַנטן־הויז און אין סענאַט נעמט אָן אַ געזעץ. דער קאַפּיטאַליזם נעמט דעם וועג. די גרויסע טראָסטס בויגן זייער קאָפּ פאַרן „פאָלקס־ווילן”. „מיינע הערן, איר זייט איצט די געזעצלעכע יורשים פון אונזער סיסטעם”, זאָגן זיי און לאָזן דאָס פעלד פאַר די נאָרמאַן טאָמאַסעס מיט זייערע קאָלעגן.

סאַראַ מחיה’דיק בילד! און ווי פאַרפירעריש! אַ שאָד, וואָס מיר דאַרפן צעשטערן אַזאַ זיסע פרידלעכע סצענע. אָבער מיר קאָמוניסטן זיינען דאָך רעאַליסטן. מיר ווילן זיך נישט לאָזן מיטרייסן פון פאַנטאַזיעס, דערהויפּט ווען די פאַנטאַזיעס זיינען גוט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ווייל זיי העלפן אָפּהאַלטן די אַרבעטער פון קעמפן געגן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה.

לאָמיר ניט אַרגומענטירן וועגן דער קונציקער דערפינדונג פון צאָלן **די באַלעבאַטים פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט באַנדס, וואָס**

דאָס הייסט אָנערקענען, אַז די עקספּלואַטאַטאָרס האָבן אַ ר ע כ ט צו זייער מאָנאָפּאָל אויף די פּראָדוקציע־מיטלען און אַז אויב זיי גיבן זיי אָפּ, איז נאָר פאַר געצאָלט. עס איז נישט שווער צו זען, אַז אויב דו צאָלסט דיינע עקספּלואַטאַטאָרס מיט באַנדס, בלייבט די עקספּלואַטאַציע אין אַן אַנדער פאָרמע. דו מעגסט איבערנעמען די פאַבריקן, אָבער דו אַרבעטסט אַלץ נאָך פאַר די פּראָפיטן פון די פריערדיקע באַלעבאַטים. יעדער איינער קען דאָס פאַרשטיין. לאָמיר בעסער אַ קוק געבן אויף דעם פאָרשלאָג איינ־צופירן סאָציאַליזם דורך דעם באַלאָט.

ווער איז די מלוכה? דאָס זיינען ניט נאָר די געזעצגעבנדיקע אַנ־שטאַלטן, וועלכע שפּילן, אַגב, אַלץ אַ קלענער ראָלע מיט דעם וואוקס פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם. דאָס איז קודם כל די אַרמיי מיט אירע קאָמאַנדירן, די מיליציע, די פּאָליציי און דער אויספיר־אַפּאַראַט פון דער רעגירונג, די באַאַמטע, וועלכע נוצן די באַוואָפנטע קרעפטן כדי צו פאַר־ווירקלעכן די צילן פון קאַפּיטאַליזם. קען מען זיך דערשלאָגן צו האָבן אַ מערהייט פון סאָציאַליסטישע קאָנגרעסלייט? אויב אַפילו אַזאַ וואונדער זאָל געשען, וואָלט דאָס אויך נאָך נישט געהייסן, אַז מיר האָבן סאָציאַ־ליזם. נאָך לאַנג איידער עס איז דאָ די געפאַר פון אַ סאָציאַליסטישער מערהייט, קענען די וואָל־געזעצן אַזוי געענדערט ווערן, אַז אַ סאָציאַליס־טישע מערהייט זאָל נישט זיין מעגלעך. און אַפילו ווען אַ סאָציאַליסטישע מערהייט זאָל זיך שוין צוזאַמענקומען, הייסט עס נאָך נישט, אַז אירע באַשלוסן וועלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן. גענוג איין סקוואָד סאָלדאַטן צו צעטרייבן אַ גאַנצן געזעצגעבנדיקן אַנשטאַלט, ווי דאָס איז געווען אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

אויב עס פאַרזאַמלט זיך שוין יאָ אַ קאָנגרעס מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט, איז מעגלעך איינס פון די ביידע. אָדער די קאַפּיטאַליסטן זיינען זיכער, אַז די סאָציאַליסטישע פירער זיינען אומשעדלעך פאַרן קאַפּי־טאַליזם — ווי דאָס איז געווען דער פאַל אַ סך מאָל אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד, ווען די מאַכט איז געווען אין די הענט פון די סאָציאַליסטישע פירער; אין אַזאַ פאַל וועלן די קאַפּיטאַליסטן אַפילו זיין צופרידן צו לאָזן די סאָציאַליסטן טראָגן די לאַסט פון דער מלוכה פאַרן קאַפּיטאַליזם; אָדער די סאָציאַליסטישע מערהייט וועט ניט געפעלן די קאַפּיטאַליסטן צוליב דער אָדער יענער סיבה — און דעמאָלט האָבן זיי אַלע מיטלען פטור צו ווערן פון די אומגעבעטענע געזעצגעבער.

געדענק, אַז די סאָציאַליסטן זיינען געגן רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן. געדענק, אַז זיי האַלטן נישט פון אוועקשטעלן קראַפט געגן קראַפט. געדענק, אַז זיי אַפּעלירן ניט צו די מאַסן זיי זאָלן אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד געגן דער ברוטאַלער קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג. און פאַרגעס ניט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז באוואָפנט ביז די ציין און אַז ער וועט זיך ניט אָפּשטעלן פון געברויכן זיין באוואָפנטע קראַפט, כדי צו פאַרזיכערן זיין הערשאַפט. דער קאַפּיטאַליזם זאָגט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון זיין רייכטום און זיין מאַכט מיטן גוטן ווילן, און ער האָט זייער ווייניק דרך־ארץ פאַר זיינע אייגענע געזעצן, ווען עס קומט אים אויס צו פאַרטיידיקן זיין הערשאַפט.

ווער עס זאָגט, אַז מען קען אויסנוצן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה אַף אָפּצושאַפן קאַפּיטאַליזם, איז געגליכן צו איינעם, וואָס זאָגט, אַז מען קען אויפרייסן די פעסטונג פון דעם שונא דורכן קלאַנג פון טרומייטן.

פונם ערשטן בליק וואָלט זיך געקענט דאַכטן, אַז די סאָציאַליסטן פאַרנעמען זיך נאָר מיט טרוימערייען. צום באַדויערן איז עס גאָרניט אַזאַ אומשעדלעכע אַרבעט. די טעטיקייט פון די סאָציאַליסטישע פירער איז אין אמת'ן שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון די מאַסן.

וואָס איז די ווירקלעכע ראָלע פון די סאָציאַליסטישע פירער? מיר קריגן זיך נישט מיט די רענק־און־פייל אַרבעטער, וועלכע זיינען טיף אין הארצן רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן, נאָר זיי קענען ניט דורכדרינגען דורכן טומאַן פון די סאָציאַליסטישע פראַזן. אָבער מיר מוזן אָנווייזן אַף דער געפערלעכער ראָלע פון די סאָציאַליסטישע פירער. אין אַזאַ צייט, ווען עס איז נויטיק פאַר אַלע אַרבעטער צו פאַרשטיין דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דער מלוכה אַלס אינסטרומענט פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, דערציילן זיי די אַרבעטער, אַז די מלוכה, ווי מיר זעען זי פאַר אונזערע אויגן, קען זיין אַ מיטל צו באַפרייען די אַרבעטער פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. אין אַ צייט, ווען עס איז נויטיק פאַר די אַרבעטער צו פאַרשטאַרקן זייער קראַפט און קעמפן געגן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה און אירע געזעצן, פריידיקן די סאָציאַליסטן פאַר די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך פאַרלאָזן אַף אָט־דער מלוכה און אַף אירע געזעצן. אין אַ צייט, ווען עס איז נויטיק פאַר די אַרבעטער צו אַנטוויקלען דעם ווילן צו מאַכט, וועלכער וועט סוף כל סוף ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה און מאַכן די אַרבעטער און פאַרמערס פאַר דער הערשנדיקער מאַכט אין זייער אייגענער מלוכה, דערציילן די סאָציאַליסטן,

אַז דאָס איז גאָרניט נויטיק און אַז די אַרבעטער און פּאַרמערס דאַרפֿן בלייבן אין די געזעצלעכע גרענעצן, וואָס ס'האָט פֿאַר זיי אָנגעצייכנט דער הערשנדיקער קלאַס.

וואונדער זיך ניט, וואָס קאָמוניסטן זאָגן שאַרפֿע ווערטער געגן די סאָציאַליסטישע פֿירער. זיי פֿירן אָן אַ טעטיקייט געגן דעם אַרבעטער־קלאַס — אין נאָמען פֿון סאָציאַליזם; זייער שעדיקער־טאַקטיק פֿאַר־שטעלט זיך דאָ פֿאַר אַ מיטל צו באַפֿרייען די אַרבעטער. אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער קען ניט געפֿינען גענוג שאַרפֿע ווערטער צו פֿאַרדאַמען אַזאַ אַרבעט.

לעבנס־פֿראַגן אין קאַן

אונזער שטרייט געגן די סאָציאַליסטן איז ניט קיין שטרייט פֿון ווערטער. עס איז אַ צוזאַמענשטויס פֿון פּאָליטישע פּרינציפּן. אפֿשר דאַרפֿן מיר גאָרניט גיין אַזוי ווייט, ווי דער זומער פֿון 1917 אין רוסלאַנד, ווען די סאָציאַליסטן, האָבנדיק די מאַכט אין זייערע הענט, האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו פֿאַראייניקן זיך מיט די אַרבעטער און פּויערים, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין סאָוועטן, געגן די עקספּלואַטאַטאָרס און זייער מלוכה, און האָבן זיך בעסער באַפֿעסטיקט אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה צוזאַמען מיט די עקספּלואַטאַטאָרס געגן די אַרבעטער און פּויערים, ביז זיי זיינען באַזייטיקט געוואָרן דורך דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע פֿון 1917 אונטער דער באָלשעוויסטישער פֿירערשאַפֿט. די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט צעבראָכן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה און איינגעפֿירט אַ סאָוועטישע מלוכה אַלס מאַכט־אָרגאַן פֿון די אַרבעטער און אָרעמע פּויערים.

אפֿשר דאַרפֿן מיר אויך נישט גיין אַזוי ווייט, ווי דאָס יאָר 1918 און 1919 אין דייטשלאַנד, וואו די סאָציאַליסטן האָבן באַלד נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1918 איבערגענומען די מאַכט אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, געבראָכן דעם אויפֿשטאַנד פֿון די אַרבעטער, פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד מיט אַרבעטער־בלוט און אַזוי אַרום געזיכערט דייטשלאַנד פֿאַרן קאַפּיטאַליזם.. מיר ווילן בעסער נעמען פֿאַקטן פֿון דער נייערער צייט, וואָס באַווייזן גענוג שאַרף די ראָלע פֿון די סאָציאַליסטישע פֿירער. פֿערצן יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די סאָציאַליסטן געהאַלטן די מאַכט אין דייטשלאַנד. עס איז דאָ אַ בלוטיקע לאָגיק אין דער לאַגע פֿון אַ סאָציאַליסטישן פֿירער,

וועלכער ווערט א פארטיידיקער פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה. אויב דו פארטיידיקסט די מלוכה, איז ניטא קיין שום סיבה פארוואס דו זאלסט נישט ווערן א מיטגליד פון א קאבינעט אין דער רעגירונג פון דער מלוכה. די סאציאליסטן זיינען געווארן מיניסטארן, פאליצמייסטערס, טורמע־אויפזעער, תלינים. אזוי איז דאס טאקע געווען ניט נאר אין דייטשלאנד, נאר אויך אין גרויסבריטאניע, עסטרייך, בעלגיע און אין אנדערע לענדער. אויב דו ביסט א טייל פון דעם אפאראט פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה, מוזטו שוין אויספאלגן די באפעלן פון די אייגנטימער פון רייכטום. אף דערויף עקזיסטירט דאך די מלוכה. די סאציאליסטן האבן טאקע אומעטום געקעמפט געגן דער רעוואלוציאנערער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע האט געפרואווט פארזיכערן פאר די ארבעטער העכערע שכירות, קירצערע שטונדן און בעסערע ארבעטס־באדינגונגען. זיי האבן מיט געוואר אונטער־דריקט ארבעטער־דעמאנסטראציעס. דערמאן זיך ו ו ע ד י נ ג און נ ו י ק ע ל ן, טיילן פון בערלין, וואו א סאציאליסטישער פאליצ־מייסטער האט געשיקט סאציאליסטישע פאליסלייט צו שיסן פון מאשין־ביקסן אף די ארבעטער, וואס האבן געפייערט דעם ערשטן מאי דורך א גאסן־דעמאנסטראציע, און וואו צענדליקער ארבעטער זיינען דערמארדעט געווארן. דערמאן זיך דעם סאציאליסטישן לופט־מיניסטער אין דער סאציאליסטישער מעקדאנאלד־רעגירונג פון גרויסבריטאניע, וועלכער האט געשיקט מיליטערישע עראפלאנען צו ווארפן באמבעס אף אראבישע דערפער אין דער טעריטאריע, וואו אן אונטערדריקט פאלק האט זיך אויפגעהויבן געגן פרעמדער הערשאפט. דערמאן זיך דעם סאציאליסטישן קריגס־מיניסטער אין דעם זעלביקן קאבינעט, וועלכער האט געשיקט מילי־טער קיין אינדיע צו ברעכן די קאמפן פון די ארבעטער און פויערים, וואס האבן געקעמפט פאר דער פרייהייט פון אינדיע, און האט אף אזא אופן געפרואווט זיכערן אינדיע פאר די בריטישע קאפיטאליסטישע עקספלואַ־טאטארס. דערמאן זיך, ווי אזוי די דייטשישע סאציאליסטישע פירער האבן געשניטן די שכירות פון די ארבעטער, געשניטן די ארבעטסלאזיקייט־פארזיכערונג פון די ארבעטער, געשטימט פאר מיליאנען אף צו בויען קריגס־שיפן און דערלויבט די פאשיסטן פולע פרייהייט פון פראפאגאנדע, ארגאניזאציע און האנדלונג. ווען די פאשיסטישע געפאר איז געווארן שארף, האבן די סאציאליסטישע פירער זיך אפגעזאגט צו בילדן א פאר־אייניקטן פראנט פון אלע ארבעטער, סאציאליסטן און קאמוניסטן, געגן דעם פאשיזם, נאר אנשטאט דעם האבן זיי זיך פאראייניקט מיט הינדענ־

בורג'ן און האָבן גערופן די אַרבעטער צו שטימען פאַר אים ווי פאַר דעם רעטער פון „דעמאָקראַטיע". די דייטשישע סאָציאַליסטישע פירער האָבן גאָרניט געטאָן צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, דערפאַר האָבן זיי געטאָן אַלעס מעגלעכעס צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אין איר דעמאָקראַטישער פאָרמע. זיי האָבן דערלאָזט, אַז די נאַציס זאָלן ווערן שטאַרק און פאַרכאַפּן די מאַכט פון דער מלוכה.

די הענט פון די סאָציאַליסטישע פירער זיינען באַפלעקט מיט בלוט. דאָס איז דאָס בלוט פון די אַרבעטער. זאָג ניט, אַז מיר זיינען שלעכטע מענטשן, ווען מיר דערקלערן, אַז די סאָציאַליסטן זיינען פאַררעטער פון דעם אַרבעטער־קלאַס. מיר זאָגן דעם אמת. מיר זיינען רעאַליסטן.

מיר האָבן אָקאָרשט גערעדט וועגן דער קריגס־געפאַר. וואָס איז די שטעלונג פון די סאָציאַליסטן וועגן דער קריגס־געפאַר? אין 1912 האָבן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון דער וועלט זיך פאַרזאַמלט אין באַזעל, שווייץ, אויף אַן אויסערגעוויינטלעכן קאָנגרעס פונם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע פאַרפליכטעט אַלעמען צו קעמפן פאַר סאָציאַליזם אין פאַל פון מלחמה. אָבער ווען די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין 1914, האָט יעדע סאָציאַליסטישע פאַרטיי־פירערשאַפט זיך פאַראייניקט מיט איר קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג און געפירט די מאַסן אין דער מלחמה צו קעמפן פאַר די פּראָפיטן פון די קאַפּיטאַליסטן, פאַר קאָלאָניעס, פאַר מערק, פאַר רויב. פון דעמאָלט אָן העלפן די פאַרטייען פונם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל צוצוגרייטן די מלחמה און פירן דורך די מלחמה־פּאָליטיק פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע אויבערהערשער.

אַן אויסערגעוויינטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ האָט זיך פאַרזאַמלט אין פּאַריז סוף אויגוסט 1933. די סאָציאַליסטישע פירער האָבן דיסקוטירט די פראַגע פון פאַשיזם, די פראַגע פון קריג און פרידן. האָבן זיי פאָרגעשלאָגן אַ ווירקזאַמע רפואה קעגן פאַשיזם? עס איז דאָ נאָר איין רפואה קעגן פאַשיזם — אַ רעוואָלוציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל אומוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם דורך צעשטערן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה. אנשטאָט רעוואָלוציע האָבן די סאָציאַליסטישע פירער ווידער גערעדט וועגן „דעמאָקראַטיע". זיי האָבן גערעדט וועגן דער פעלקער־ליג און וועגן אָנטוואָפענונגס־קאָנפערענצן אנשטאָט אַן אמת'ן מאַסן־קאַמף קעגן דער מלחמה, אַ מאַסן־קאַמף, וועלכער מוז זיך

ענדיקן מיט פֿאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ מלחמה געגן די היימישע עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער. וואָס האָט אַף אַן אמת'ן אויפֿגעטאָן די סאָציאַליסטישע קאָנפֿערענץ? זי האָט פֿאַרשפּרייט אילוזיעס צווישן די אַרבעטער, אַז מען קען נוצן דעם אַפּאַראַט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אַף אָפּצושאַפֿן די איבלען פֿון קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג און אַז מען קען נוצן דעם אַפּאַראַט פֿון קאַפּיטאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, ווי די פֿעלקער־ליג און דער האַאַגער טריבונאַל, אַף אָפּצושאַפֿן מלחמות.

דאָס וואָס ס'איז ריכטיק וועגן די סאָציאַליסטן בכלל, איז ריכטיק וועגן די פֿאַרשיידענע גרופּירונגען פֿון די סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטן זיינען איינגעטיילט אין „קאָנסערוואַטיווע" און „ראַדיקאַלע" גרופּן (אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — די „מאָסטעאַיסטן"). אַלע זיינען זיי אָבער פֿאַראייניקט אין זייער קאַמף געגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון די אַרבעטער און אין זייער גלויבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, וועמען זיי שטיצן. מיר אין אַמעריקע האָבן נאָך נישט געזען קיין סאָציאַליסטן אין דער ראָלע פֿון מיניסטאָרן אָדער סענאַטאָרן. אָבער מיר האָבן געזען סאָציאַליסטישע קאָנגרעסלייט, סאָציאַליסטישע מעיאָרס (מילוואָקי, רעדינג, ברידזשפּאָרט), סאָציאַליסטישע ריכטער און סאָציאַליסטישע פּאָליצמייסטערס. האָבן זיי ווי ניט איז געקעמפּט געגן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה? הויבט זיך גאָרנישט אָן. אַ סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן האָט אין דער צייט פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה געגעבן זיין צושטימונג צום קריגס־בודזשעט. אַן אַנדער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן האָט שפּעטער געגעבן זיין צושטימונג צו דעם רויבערישן ווערסאַלער אָפּמאַך, דעם גייסטיקן קינד פֿון דער מלחמה. די סאָציאַליסטישע שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען האָבן זיך פּונקט אַזוי עקשנות'דיק אָפּגעזאָגט איינצופֿירן אַרבעטסלאָזיקייט־פֿאַרזיכערונג, ווי די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען. אַרבעטער, וואָס האָבן געפֿאָדערט האָום־רעליף און אַרבעטסלאָזיקייט־פֿאַרזיכערונג, זיינען פּונקט אַזוי ברוטאַל געשלאָגן געוואָרן אין מילוואָקי און רעדינג אונטער סאָציאַליסטישע מעיאָרס, ווי זייערע קלאַסן־ברידער אין פּיטסבורג און ניו־יאָרק אונטער אַ רעפּובליקאַנישן און דעמאָקראַטישן מעיאָר. אַ סאָציאַליסטישער מעיאָר אין מילוואָקי האָט פּונקט אַזוי פֿלינק זיך צוגעאיילט צו שניידן די שכירות פֿון די שטאָט־אַרבעטער, ווי זיין דעמאָקראַטישער באַלעבאָס אין וויסן הויז האָט געשניטן די שכירות פֿון די פֿעדעראַלע

ארבעטער. און פונקט אזוי ווי די סאָציאַליסטן פון יעדן לאַנד פאַר־ענטפערן און שטיצן די לוין־שניטן, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך די קאַ־פיטאַליסטן, אזוי פאַרענטפערן און שטיצן די סאָציאַליסטן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן דעם „נעשאָנאַל רעקוואָרי אַקט", וועלכער איז א קאָנצענטרירטע אטאַקע אויף דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן.

די סאָציאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען נאָך ניט אין קאַבינעט, אָבער זיי זיינען שוין „אייגענע מענטשן". די קאַפּיטאַליסטישע באַלעבאַטים באַהאַנדלען זיי מיט רעספּעקט. זיי זיינען „לייטיש". זיי זיינען פרידלעך. זיי זיינען לאָיאַל. זיי ווערן ארויסגעשטעלט ווי א שיינדלינג אין געגנזאַץ צו די אומצופרידענע מיליטאַנטע קאָמוניסטן. דער ארבעטער־פיינט גראָוועך וועהיילען, דער געוועזענער פּאָליצמייסטער פון ניו־יאָרק און שפּעטער „נ.ר.א."־אדמיניסטראַטאָר פון ניו־יאָרק, האָט אפּעלירט סיי צו די רעפּובליקאַנישע, סיי צו די דעמאָקראַטישע, סיי צו די סאָציאַליסטישע פּאָליטישנס, אז זיי זאָלן אים העלפן איינפירן דעם בלאָען אָדלער. עס איז שוין ניט ווייט די צייט, ווען די סאָציאַליסטן זאָלן גערופן ווערן צו פאַרנעמען רעגירונגס־שטעלעס, כדי צו קענען פאַר־האַלטן די שטייגנדיקע כוואַליע פון ארבעטער־רעוואָלטן דורך זיסע ווער־טערלעך ווען דערגרייכן סאָציאַליזם מיט דער הילף פונם באַלאָט.

די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה איז א פאַקט, וואָס קריכט אין די אויגן און לאָזט זיך פילן אויף שריט און טריט. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה איז פלייש און בלוט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. זי שטייט אויפן וועג פון דעם מאַרש פון די ארבעטער צו א נייעם פרייען לעבן. קען מען זי אָפּשאַפן דורך דעם, וואָס מען וועט זי ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען אין איר געגנזאַץ? די וואָס זאָגן, אז מען קען דאָס טאָן, זיינען די בעסטע שטיצע פאַר די קאַפּיטאַליסטישע רויבער און די אַקטיווסטע צוגרייטער פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות. די וואָס זאָגן דאָס, רוקן ניט ארויס קיין אומשולדיקע טעאָריע, א נייין. זיי רוקן ארויס א גיפטיקע טעאָריע. זיי שאַפן א רויך־וואָלקן, אונטער וועלכן עס באַהאַלט זיך די קאַפּיטאַליס־טישע עקספּלואַטאַציע.

מיר קאָמוניסטן זאָגן, אז עס איז דאָ נאָר איין וועג ווי אזוי אָפּ־צושאַפן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה — און דאָס איז: צעברעכן זי דורך געוואַלד. כדי קאָמוניזם זאָל זיין מעגלעך, מוזן די ארבעטער נעמען די מלוכה־מאַשין פון קאַפּיטאַליזם און זי צעשטערן.

קאַפּיטל 5

אַ פּראָגראַם פון אַרבעט

1. עקאָנאָמישער קאַמף

ווי קען מען דאָס טאָן?

אויב מיר אייניקן זיך, אַז די מלוכה איז דיין פיינט, איז דער ענטפער אף דער פראַגע שוין ניט שווער. קוים האָסטו זיך באַפרייט פון די אילוזיעס וועגן דעמאָקראַטיע, איז דיין וועג קלאָר.

היט די מלוכה, קוק זיך צו איר צו. פּרואוו פאַרשטיין אַלע אירע מאַנעוורעס. די קאַפּיטאַליסטן נוצן די מלוכה ניט נאָר ווי אַ גרויסן שטעקן, נאָר אויך ווי אַ גיפטיקן גאַז אָדער ווי אַ שלאָף־געטראַנק, ווי דאָס איז דער פאַל מיט'ן „נייעם דיל”. ניט זעלטן דערציילט מען דיר, אַז מען גיט דיר פּריווילעגיעס, גראָד אין דער מינוט ווען מען קריכט דיר אין די פּאַקעטס. אַנאַליזיר די אַרבעט פון דער מלוכה. פאַרשטיי די קרעפטן הינ־טער יעדן טריט פון דער מלוכה. און געדענק, אַז אויב די מלוכה גיט קאָנצעסיעס פאַר די אַרבעטער, גיט זי דאָס נאָר אונטער אַ שווערן דרוק.

דאָס פירט אונז אַרויס אַפן וועג, אף וועלכן דער אַרבעטער־קלאַס וועט סוף כל סוף קומען צו דער צעשטערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. דער דאָזיקער וועג איז **רעוואָלוציאָנערער קאַמף**.

דער אַרבעטער־קלאַס געפינט זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט אין אַזאַ לאַגע, אַז כדי צו לעבן מוז ער קעמפן. כדי דער קאַמף זאָל זיין דערפאָלגרייך, מוז ער זיין געווענדט ניט נאָר געגן די קאַפּיטאַ־ליסטן, נאָר אויך געגן דער מלוכה. און אויב דער קאַמף איז גענוג דער־פאָלגרייך, מוז ער אומפאַרמיידלעך פירן צו דער צעשטערונג פון דער מלוכה. דאָס איז די לאָגיק פון דער קלאַסן־טיילונג פון היינטיקער צייט. דאָס מערקט אָן די פּראָגראַם פון האַנדלונג פאַרן אַרבעטער־קלאַס פאַר היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן ביז עס וועט קומען די שעה, ווען דער

אַרבעטער־קלאַס וועט זיך ענדגילטיק אָפּרעכענען מיט דער קאַפּיטאַליס־טישער סיסטעם.

דער קאַמף הויבט זיך אָן אין פאַבריק, אין דער קוילן־גרוב, אין שאַפּ. דאָס איז קודם כל אַ קאַמף פאַר העכערע שכירות, פאַר קירצערע אַרבעטס־שטונדן, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. עס איז אַ קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג, פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג בכלל, וואָס דאָס הייסט, אַז די מלוכה זאָל צאָלן אַ מינימום שכירות צו די וואָס האָבן ניט קיין אַרבעט, צו די קראַנקע, די געשעדיקטע, די אַלטע. די קאַפּיטאַ־ליסטן באַרימען זיך אָפט מיט זייער מענטשן־ליבע. די געשיכטע האָט אָבער באַוויזן, אַז קיינמאָל האָבן זיי ניט געגעבן גאָרנישט דעם אַרבעטער־קלאַס סיידן מען האָט זיי געצוואונגען דורך קאַמף. דעריבער שטייט דאָס גאַנצע לעבן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אונטערן צייכן פון קאַמף.

יעדער קאַמף פאָדערט זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע. דער אַרבעטער־קלאַס האָט שוין לאַנג באַשאַפן אָגענטורן פאַרן עקאָנאָמישן קאַמף: די יוניאָנס און די אַרבעטסלאָזע קאָונסילס — די ערשטע צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען פאַר די באַשעפטיקטע אַרבעטער, די צווייטע צו קעמפן פאַר די אַרבעטסלאָזע. מיר רופן אַזוינע קאַמפן עקאָ־נאָמישע, וואָרים זייער הויפּט־צוועק איז גאַראַנטירן פאַר די אַרבעטער אַ גרעסערן טייל פון דעם פּראָדוקט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך זייער אייגענער אַרבעט. די עקאָנאָמישע קאַמפן זיינען אַ טשאַלענדזש צו דער עקאָנאָמישער מאַכט פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

עס איז ניט שווער צו דערקענען, אַז עקאָנאָמישע קאַמפן קענען ניט בלייבן ריין עקאָנאָמיש. ווען די אַרבעטער סטרייקן, ווען די אַרבעטער אָרגאַניזירן אַ פּיקעט־ליין, קומט די מלוכה אין דער געשטאַלט פון פּאָליס־לייט און באַוואָפנטע גאַרילעס צו העלפן די באַלעבאַטים. ווען די אַר־בעטער דעמאָנסטרירן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, באַגעגענען זיי ווידער די באַוואָפנטע מאַכט פון דער מלוכה, וועלכע נעמט זיך פאַנאַנדערטרייבן דעם „קראַוד". מיר לעבן איצטער אונטערן בלאָען אָדלער. דער נאַציאָ־נאַלער אינדוסטריעלער רעקאָווערי אַקט האָט צוגעזאָגט די אַרבעטער אַ שמאַלץ־גרוב. אָבער אונטער די פליגלען פון דעם בלאָען אָדלער פּרובירן זיך און מערן זיך אינדזשאָנקשאָנס. די „נ.ר.א." איז אויסן צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער. אַזוי באַקומט זיך, אַז אומעטום, וואו די אַרבעטער טרעטן אַרויס צו פאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע אינ־טערעסן, מוזן זיי אומבאַדינגט קעמפן געגן דער מלוכה.

מיר קאָמוניסטן האַלטן, אַז יעדער קלאַסן־קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף. ווען איר פאָדערט סאָציאַלע פאַרזיכערונג, וועט איר זיך סיי צו די קאַפּיטאַליסטן, סיי צו דער מלוכה. ווען איר דעמאָנסטרירט פאַר האָום־רעליף, דערלאַנגט איר אייערע פאָדערונגען דער שטאָט־רעגירונג אָדער דער שטאַט־רעגירונג, וואָס דאָס זיינען פּאָליטישע קערפּערשאַפטן. ווען איר קעמפט פאַר דעם אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג אָדער פאַר דער אָפּשאַפונג פון קינדער־אַרבעט דורכן געזעץ, פאַרטיידיקט איר אַן עקאָנאָמישע פאָדערונג דורך דעם, וואָס איר ווענדט אייער קאַמף געגן דער מלוכה. ווען איר קעמפט פאַר העכערע שכירות, וואָס דאַרפן ארויסגעריסן ווערן פון די פאַבריקאַנטן, באַגעגנט איר זיך אַלעמאָל מיט די אַגענטן פון דער מלוכה ניט נאָר אין דער געשטאַלט פון פּאָליסלייט, נאָר אויך פון אינדזשאָנקשאָן־דיכטער, „פאַרמיטלער" און „אַרביטרייטאָרס" און אַלערליי אַנדערע „שלום־מאַכער", וואָס האָבן אין זינען די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים. אָט דערפאַר זאָגן מיר, אַז יעדער קלאַסן־קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף.

קאָמוניסטן און רעפאָרמיסטן

און דאָ קומען מיר קאָמוניסטן אין שאַרפסטן צוזאַמענשטויס מיט די פירער פון דער אַמעריקאַן פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַריינגערעכנט די סאָציאַליסטישע יוניאָנס, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן נאָמען „רעפאָרמיסטן". עס איז אַ כּלל בּאַ אַזוינע אָר־בעטער־פירער, אַז זיי קאָאָפּערירן מיט דער מלוכה. זיי זאָגן, אַז זיי פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, אָבער זיי זאָגן אין דער זעלביקער צייט, אַז זיי האָבן גאָרנישט געגן דער סיסטעם. זיי זאָגן נאָר, אַז זיי האָבן אַ „לייבאָר דיספּיוט" מיט די אָדער יענע „ניט־יושר'דיקע" באַלעבאַטים. די מלוכה איז בּאַ זיי שטענדיק יושר'דיק. די מערהייט קאַפּיטאַליסטן זיינען בּאַ זיי אויך יושר'דיק. די מינדערהייט שלעכטע באַלעבאַטים, זאָגן זיי, דאַרפן בּאַארבעט ווערן דורך פאַרהאַנדלונגען, ווייך געמאַכט ווערן דורך גוטע רייד אָדער אָנגעשראָקן ווערן דורך דער געזעל־שאַפטלעכער מיינונג ביז זיי וועלן ווערן לייט. אויב דאָס איז דערגרייכט, בלייבט גאָרנישט פאַר די אַרבעטער ווי צו „קאָאָפּערירן" מיט די באַלע־באַטים און דער רעגירונג פאַרן וואויל און בעסטן פון אַלע.

ווידער האָבן מיר פאַר זיך אַ ראָזע בילד. און ווידער מוזן מיר בלייבן

דעאַליסטן. מיר מוזן זען אָט־די פירער בײַ דער אַרבעט. מיר מוזן פון זײ אַרונטעררײַסן די מאַסקע פאַר די אויגן פון די מאַסן.

פריער פון אַלץ אָבער לאָמיר באַטראַכטן, ווי אָט־די פירער קוקן אױף דער וועלט און די מענטשן: לאָמיר באַטראַכטן דאָס, וואָס אױף דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך רופט זיך דאָס אידעאָלאָגיע. זײ גײען אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אינטערעסן פון די אַרבעטער און די באַלע־באַטים זײַנען אײניק. דערמיט אַלײן נאַרן זײ די אַרבעטער. עס איז דאָ פּונקט אַזויפיל אײניקײט צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים, ווי צווישן רויבער און גערויבטע. עס איז דאָ אַ צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן. עס איז דאָ אַן אײביקע פײַנטשאַפט. עס קען ניט זײַן קײן פרידן און קײן אײניקײט צווישן דעם עקספּלואַטאַטאָר און זײַן קרבן. דער קאַפּיטאַליסט שטרעבט צו גאַראַנטירן פאַר זיך אַזאַ גרויסן טײל פון דעם אַרבעטער'ס פּראָדוקט, וויפיל ער קען נאָר באַקומען דורך געוואַלד אָדער שווינדל אָדער בײדע; דער אַרבעטער, אַרויסווײַזנדיק אַ ווידערשטאַנד קעגן דער עקספּלואַטאַציע, שטרעבט צו באַקומען אַזאַ גרויסן טײל פון זײַן אײגענעם פּראָדוקט, ווי ער קען צווינגען דעם באַלעבאָס צו געבן. דאָס איז אַלף בית. דאָס איז דער געזעץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס איז די צעטײלונג אױף קלאַסן. דאָס איז דער אומענדלעכער קלאַסן־קאָנפליקט, וועלכער וועט דויערן אַזוי לאַנג ווי עס דויערט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. דער דאָזיקער קאָנפליקט מעג ניט אַלעמאָל אויסברעכן אין געוואַלדזאַמע אַקטן, ווי דעמאָנסטראַציעס און סטרײקס, אָבער ער טליעט שטענדיק אין דער טיף. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַ שלאַכט־פעלד און די אַרבעטער זײַנען אַן אַרמײ, וואָס מאַרשירט קעגן פײַנט.

ווער עס זאָגט, אַז עס איז דאָ אײניקײט פון אינטערעסן צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער, באַגײט פאַרראַט קעגן אַרבעטער־קלאַס.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די מלוכה איז ניט „נײטראַל". אין בעסטן פאַל פאַרשטעלט זיך נאָר די מלוכה פאַר אַ פרײַנט פון די אַר־בעטער. אונטער דער „נ.ר.א." זאָגט מען אײַך, אַז איר האָט גלײַכע רעכט מיט אײַערע באַלעבאַטים און אַז די מלוכה איז אַ שותף צו בײדע. וואָס די באַהויפּטונג איז ווערט, קען מען זען פון דעם פאַקט וואָס, ווען 60 טויזנט מײַנערס אין די ווייכע־קוילן־פעלדער זײַנען אַר[illegible]ב אין סטרײק צו פאַרטײדיקן זײערע פונדאַמענטאַלע רעכט, האָט די רעגירונג, האַנט

אין האנט מיט די פירער פון דער א. פ. אָוו ל., געטאָן די שמוציקסטע ארבעט צו ברעכן דעם סטרייק. אַף וויפיל עס איז דאָ אמת אין דער מעשה וועגן אַ „נייטראַלער" מלוכה, קען מען זען דערפון, וואָס מען האָט געשאָסן און דערמאָרדעט פיקעטס אין פילאַדעלפיע, מען האָט ארויסגערופן די מיליציע מיט ארטילעריע און מאַשין־ביקסן געגן די סטרייקנדיקע מיינערס אין ניו־מעקסיקאָ און אין יוטאַ, מען האָט ארויסגעגעבן אינדזשאַנקשאַנס געגן פרידלעכע פיקעטס פון בעקער־ארבעטער, מעבל־ארבעטער און שיך־ארבעטער אין ניו־יאָרק דעם לעצטן זומער. ווען אַ ליבאַר־לידער פון דעם רעפאָרמיסטישן חדר פראוואט איינריידן די ארבעטער, אַז די מלוכה איז גלייך יושר'דיק צו די באַלעבאַטים און צו די ארבעטער, נאַרט ער די ארבעטער און גראָבט אונטער זייער ווידערשטאַנד.

אָט דאָס האָבן די „ליבאַר לידערס" אַף אַן אמת'ן געטאָן די אַלע יאָרן. זיי האָבן געשטערט די ארבעטער צו דערפילן זייער אייגענע קראַפט. זיי האָבן אוועקגעלייגט אַלע מעגלעכע שטרויכלונגען אַף זייער וועג, כדי ניט דערלאָזן זיי קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן. זיי האָבן זיך פראַקטיש אָפּגעזאָגט פון דעם סטרייק — פון אָט־דעם מאַכט־אינסטרומענט, דורך וועלכן די ארבעטער קענען צווינגען די באַלעבאַטים צו געבן קאָנצעסיעס. זיי זאָגן, אַז דער סטרייק איז אַן „אויסברענגערישע" און „באַרבאַרישע" מעטאָדע פון קאַמף. זיי זאָרגן זיך אַזויפיל פאַרן וואוילזיין פון די באַלע־באַטים, אַז זיי האָבן מורא, טאָמער וועט אַ דערפאָלגרייכער סטרייק שאַדן זייערע פראָפיטן. זיי האָבן אנטמוטיקט אַ סך סטרייקס, וועלכע האָבן אויסגעבראָכן ספּאָנטאַן דאָרט וואו די ארבעטער האָבן שוין מער ניט געקענט איבערטראָגן זייער לאַגע. דאָרט וואו די פירער רופן שוין יאָ אַ סטרייק, ווייל זיי זיינען געצוואונגען דאָס צו טאָן צוליב דעם קעמפערישן גייסט פון דער רענק־און־פייל, איז דער סטרייק אַ פאַרבלענדעניש, אַ מאַנעווורע צו באַווארענען געגן אַן אמת'ן קאַמף. אנשטאָט אויסצוברייטן דעם סטרייק אין שכנ'ישע אונטערנעמונגען און פארשפרייטן דעם קאַמף איבער אַ ווייטער שטרעקע, אנשטאָט צו דערוואַרעמען די סטרייקער מיט גלויבן, מיט ענטוזיאַזם, מיט אַ באַוואוסטזיין פון זייער קראַפט, דערשטיקן די פירער די באַוועגונג דורך אַלערליי הינטער־קוליסן־מאַכינאַציעס מיט די באָסעס. די פירער זיינען צופרידן, ווען עס געלינגט זיי זיך דערשלאָגן עפּעס אַזוינס ווי אַן ארביטריישאָן צו סעטלען דעם סכסוך.

און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער באָארד אָוו ארביטריישאָן, וועלכע דאַרף באַשטימען דעם גורל פון די ארבעטער? מערסטנטיילס באַשטייט

זי פון אַ גלייכער צאָל פאַרטרעטער פון די אַרבעטער און די באַלעבאַטים. די וואָס פאַרטרעטן די באַלעבאַטים ווייסן זייער גוט ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן זייערע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן. די רעפאָרמיסטישע פירער, וועלכע פאַרטרעטן די אַרבעטער, פאַרטיידיקן ניט זייערע אינטערעסן, וואָרים זיי גלויבן ניט, אַז עס איז דאָ אַ פונדאַמענטאַלער צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן צווישן דעם קאַפּיטאַליזם און דעם אַרבעטער־קלאַס. זיי זיינען אונטערטעניק. די צוויי צדדים אייניקן זיך אויף אַן „אומפּאַרטייאישן" טשערמאַן, וועלכער דאַרף אַנטשיידן צווישן זיי. דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן איז אָדער אַ לאָיער, אָדער אַ קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטישן. אונטער דער „נ.ר.א." איז דער „אַרביטרייטאָר" אָפט אַ מלוכה־אַגענט פון דעם בלאָען פויגל, וואָס דאָס הייסט, אַז ער איז אָפט ערגער פון דעם „אומפּאַרטייאישן" טשערמאַן. דער גורל פון די אַרבעטער ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פון מענטשן, וואָס געהערן צום פיינטלעכן קלאַס.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אַ פאַקט איז, אַז די רעפאָרמיסטישע פירער זיינען שולדיק אין ברעכן אומצייליקע סטרייקס. זיי זיינען שולדיק אין איספּאָרטירן סטרייקברעכער צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם וואָס זיי רופן „אומגעזעצלעכע סטרייקס", וואָס דאָס איז ניט מער ווי סטרייקס פון די אַרבעטער נעגן דעם ווילן פון די רעפאָרמיסטישע אונטערלעקער. זיי זיינען שולדיק אין רופן די שעריפס און די מיליציע צו צווינגען די אַרבעטער אָנצונעמען זייער באַפעל, וואָס דאָס הייסט צו צווינגען די אַרבעטער צו אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין. זיי זיינען שולדיק אין פּרואוון ברעכן יעדן פּראָטעסט פון די אַרבעטער געגן דער פּאָליטיק פון די פירער אין די יוניאָנס.

אָבער אויך דאָס איז ניט אַלץ.

אונטער דער „נ.ר.א." זיינען די רעפאָרמיסטישע פירער איינגעגלידערט געוואָרן אין דער אַדמיניסטראַציע ווי מיטגלידער פון די פאַרשיידענע אַדווייזערי באָארדס. זיי אַרבעטן האַנט־אין־האַנט מיט די גרעסטע אַרבעטער־פיינט, מיט די אָפּען־שאָפּ באָסעס און מיט אַזעלכע פאַרשוינען, ווי דער געוועזענער פּאָליצמייסטער פון דער שטאָט ניו־יאָרק, דער טרויעריק־באַרימטער פעלשער פון אַנטי־סאָוועטישע דאָקומענטן און דער מערדער פון אַרבעטער־דעמאָנסטראַנטן, גראָווער וואַהיילען. זיי לאָזן זיך אַוועק צו יעדן פּלאַץ, וואו די אַרבעטער, אומצופרידענע מיטן הונגער־לוין

פאָדערן העכערע שכירות. ווי אמת'ע מלוכה־אגענטן, סטראַשען זיי און נוצן געוואַלד; ווי פאַררעטער פון אינעווייניק, נאַרן זיי און שפּאַלטן די אַרבעטער־רייען.

זאָלסט זיך ניט וואונדערן, ווען דו הערסט, אַז מיר רופן אָט־די רע־פאָרמיסטן פאַררעטער פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זיי זיינען פאַררעטער. און עס איז ניטאָ קיין פונדאַמענטאַלער אונטערשייד אין דעם פּרט צווישן רעפאָרמיסטן, וואָס געהערן צו דער רעפּובליקאַנישער אָדער דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי, און די רעפאָרמיסטן וואָס געהערן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. וויליאַם גרין אָדער דזשאָן לואיס, מעטיו וואָל אָדער דייוויד דו־בינסקי, עדוואַרד מעגריידי (וועלכער איז איצט, פאַר זיינע גוטע דינסטן לטובת די קאַפּיטאַליסטן, דערהויבן געוואָרן צום פּאָסטן פון אַן אַסיסטענט סעקרעטערי אָוו לייבאָר) אָדער סידני הילמאַן — ווי פאַרשיידן עס מעג זיין דער קאָליר פון זייערע פעדערן, זיי זיינען אַלץ די זעלביקע פויגלען.

זיי טענה'ן, אַז זיי זיינען „פּיור ענד סימפּל" יוניאָניסטן און זייער לאָזונג איז: יוניאָניזם ווייסט ניט פון קיין פּאָליטיקס. וואָס פאַר אַ ליגן! זיי זיינען אויסגעטונקט אין פּאָליטיקס. זיי זיינען געקניפּט און געבונדן מיט דער מלוכה. זיי זיינען שרייפלעך אין דער מאַשינעריע פון דער מלוכה. זיי זיינען ניט פריי פון פּאָליטיק; זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט פּ א ס ק ו ד נ ע ר פּ אָ ל י ט י ק, מיט קאַפּיטאַליסטישער פּאָלי־טיק, מיט פּאָליטיק וואָס שטרעבט איבערגעבן די אַרבעטער געבונדענע אין די הענט פון זייערע באַלעבאַטים.

עמיצער קען אפשר פרעגן: צו וואָס דאַרף מען בכלל יוניאָנס? וואָס קערן זיך אָן יוניאָנס מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז דאָך אַ פּאָליטישע פּאַרטיי? דער ענטפער איז, אַז מיר קאָמוניסטן זיינען פאַר ר ע וואָ ל ו צ י אָ נ ע ר ן י ו נ י אָ נ י ז ם.

וואָס איז אַזוינס רעוואָלוציאָנערער יוניאָניזם?

מיר קאָמוניסטן זיינען פאַר אַרבעטער־יוניאָנס, ווייל יעדער קאַמף דאַרף האָבן זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע. נאָכמער: מיר קאָמוניסטן זיינען די איינציקע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס באַציט זיך ערנסט צו די יוניאָנס. אין אונזערע אויגן איז דער קאַמף פאַר העכערע שכירות, קירצערע אַר־בעטס־שטונדן, בעסערע באַדינגונגען, אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג —

דער פונדאמענטאלער קאמף פון דעם ארבעטער קלאס. מיר זאָגן, אז אָט־דער קאמף דארף געפירט ווערן מיט אייניקייט און קראפט. מיר זאָגן, אז די ארבעטער, וועלכע זיינען נישט אָרגאניזירט, מוזן זיך אָרגאניזירן אין שטארקע אינדוסטריעלע יוניאָנס, געבויט אף שאפ־קאָמיטעס און מיין־קאָמיטעס, וואָס ווערן אויסגעקליבן דורך די ארבעטער גופא, און אז זיי דארפן האָבן א פירערשאפט, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין די מאסן. די דאָזיקע יוניאָנס דארפן דערציען די ארבעטער זיי זאָלן פארשטיין זייערע קלאסן־אינטערעסן. זיי מוזן לערנען די ארבעטער די לערע פון אייניקייט און פון פאראייניקטער האנדלונג און זיי מוזן זיי פירן אין סטרייקס און אנדערע קלאסן־שלאכטן געגן די באָסעס. מיר זאָגן, אז די ארבעטער, וואָס זיינען אָרגאניזירט אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס, דארפן בילדן א רעוואָלוציאָנערע אָפאָזיציע, וועלכע זאָל שטיין אין דעם שפיץ פון די קאמפן פון די ארבעטער געגן די באלעבאטים, געגן דעם ווילן פון די פירער. וואָס מער די ארבעטער קעמפן, אלץ גרעסער ווערט זייער קראפט. וואָס שטארקער זיי ווערן, אלץ מער דערפאָלגרייך איז זייער קאמף.

מיר קאָמוניסטן קאָאָפערירן מיטן גאנצן הארצן און מיט דער גאנצער נשמה מיט די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג, וואָרים זיי זיינען די איינציקע אמת'ע יוניאָנס אין דעם לאנד: זיי האלטן זיך אָן דעם פרינציפ פון *אינדוסטריעלן יוניאָניזם*, וואָס דאָס מיינט, אז *אלע* ארבעטער פון דער זעלביקער אינדוסטריע זאָלן זיין פאראייניקט אין איין יוניאָן, אין געגנזאץ צו דעם פרינציפ פון דעם שמאָלן *קרעפט־יוניאָניזם*, וואָס ווערט פראקטיצירט דורך די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס; זיי האלטן זיך אָן דעם פרינציפ פון דעם *קלאסן־קאמף* אין געגנזאץ צו דעם פרינציפ פון קלאסן־שלום, וואָס ווערט פראקטיצירט דורך דער רעפאָרמיסטישער יוניאָן־פירערשאפט; און זיי זיינען *ראנק־און־פייל יוניאָנס*, וואו די ארבעטער גופא פארוואלטן און פירן אין ענגער קאָאָפעראציע מיט קאָמיטעס, וואָס זיי קלייבן אויס פון צווישן זיך. אין דער זעלביקער צייט שטיצן מיר קאָמוניסטן און אינדאָרסירן די רעוואָלוציאָנערע אָפאָזיציע אין די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס. מיר פרואוון אָנפירן מיט די ארבעטער אין יעדן איינעם פון זייערע עקאָנאָמישע קאמפן און מיר פרואוון אנטוויקלען א מאסן־קאמף פון אלע ארבעטער, צו וואָס פאר אן אָרגאניזאציע זיי זאָלן נישט געהערן. אויב מיר באגעגענען אן אינדזשאָנקשאָן, זאָגן מיר: „טרעט־איבער דעם אינדזשאָנקשאָן מאסנווייז

און ווערט פון אים פטור!" אויב מיר באגעגענען געדונגענע גארילעס, וואס ווילן צעברעכן א פיקעט־ליין, זאגן מיר: „טרעט ניט אפ, ווייזט ארויס א ווידערשטאנד." אויב אונזערע עקספלואטאטארס שיקן די פאליציי צו ברעכן אונזער קאמף, זאגן מיר: „שטייט פעסט, שטעלט ארויס א מאסן־פראנט." דאס מעג ניט זיין אין הסכם מיטן געזעץ — באסישער געזעץ — אבער עס איז אין הסכם מיט אייערע הייליקע קלאסן־אינטערעסן.

מיר האבן דערמאנט סאציאלע פארזיכערונג. מיר ווילן זאגן א פאר ווערטער וועגן דעם ענין. אין דער איצטיקער צייט איז דא אין אמעריקע אן ערך 17 מיליאן ארבעטסלאזע. זיי מוזן לעבן. די פארברעכערישע סיסטעם האט זיי אויסגעשלאסן פון פראדוקטיווער ארבעט, אבער דאס גאנצע פארמעגן, וואס איז אנגעזאמלט אין דעם לאנד, איז די פרוכט פון זייער ארבעט. זיי האבן א רעכט צו דעם גאנצן רייכטום. זיי באשטייען אף זייער רעכט צו לעבן. דער ארבעטער־קלאס קען ניט דערלאזן, אז זיינע מיטגלידער זאלן אומקומען נאר דערפאר, וואס די עקספלואטאטארס האבן באשאפן א סיסטעם, וואס קען מער ניט ארבעטן. די קאפיטאליסטן האבן בא זיך באשלאסן ניט צו דערלויבן קיין סאציאלע פארזיכערונג, וועלכע שליסט איין ארבעטסלאזיקייט־פארזיכערונג. אין 1932 האט רוז־וועלט, אין זיינע וואל־רעדעס, צוגעזאגט ארבעטסלאזיקייט־פארזיכערונג. ער האט שוין לאנג פארגעסן זיין צוזאג. ער האט אים קיינמאל ניט גע־מיינט ערנסט. די פירער פון דער א. פ. או ל., וואס זיינען לאנג געווען געגן ארבעטסלאזיקייט־פארזיכערונג אלס א „נדבה", זיינען ענדלעך ארויסגעקומען פאר ארבעטסלאזיקייט־פארזיכערונג — אין ווערטער. אין דער פראקטיק פרואוון זיי מיט אלע מיטלען צו צעברעכן יעדן קאמף פון די ארבעטער פאר סאציאלער פארזיכערונג. די קאמוניסטן זיינען די איינ־ציקע, וואס האבן אנגעפירט מיט אומצייליקע קאמפן פאר ארבעטס־לאזיקייט־פארזיכערונג — הונגער־מארשן, דעמאנסטראציעס, דעלעגאציעס צו די האום רעליף ביוראס. די קאמוניסטן האבן געהאלפן ארגאניזירן די ארבעטסלאזע קאונסילס, וואס קעמפן, האנט־אין־האנט מיט די רעוואלו־ציאנערע יוניאנס, פאר ארבעטסלאזיקייט־פארזיכערונג און באלדיקן רע־ליף. מען קען זאגן מיט פולער זיכערקייט, אז דארט, וואו די ארבעטסלאזע האבן געקראגן הילף, איז דאס אדאנק דער קעמפערישקייט פון די ארבעטער אונטער קאמוניסטישער פירערשאפט.

די דאזיקע קאמפן זיינען פונדאמענטאל. פאראן אבער א גאנצע ריי

אנדערע קאמפן, וואס זיינען ניט ווייניקער וויכטיק און וואס בילדן צו־זאמען דעם קלאסן־קאמף פון די ארבעטער געגן דער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

2. קאמף געגן אימפעריאליסטישער מלחמה

מלחמה איז ניט אפצוטיילן פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. דער וועלט־קריג פון 1914—1918 איז געפירט געווארן פאר דער איבער־טיילונג פון דער וועלט. אין די פופצן יאר, וואס זיינען אוועקגעגאנגען נאכן שלום פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה, זיינען אלע ווידער־שפרוכן פון דעם קאפיטאליזם געווארן א סך שארפער, ווי זיי זיינען געווען פאר 1914. מער קאנקורענץ צווישן די מלוכות; מער באוואפענונג; גרעסערע אינטערנאציאנאלע שפאנונגען; שארפערע קאנפליקטן, — ווי דער קאנפליקט צווישן די פאראייניקטע שטאטן און גרויסבריטאניע („די מלחמה פון דעם דאלאר געגן פונט"). די מלחמה איז אין די אויגן פון די קאפיטאליסטן אן אויסוועג פון דעם קריזיס. די מלחמה איז א גרויסער יום־טוב פאר די רויבער. מלחמה באדייט ריזיקע קריגס־באשטעלונגען, א שדים־טאנץ פון ספעקולאציע, אן אנזאמלונג פון משוגענע פראפיטן, וואס דאס קען אויסזען ווי אן אויסוועג פון דעם קריזיס — יעדנפאלס אף א צייט. מלחמה ברענגט די קאפיטאליסטן אן אויסזיכט, אדער מינדסטנס א האפענונג אף א זיג איבער די אנדערע אימפעריאליסטישע מלוכות און דערמיט צוזאמען ריזיקע קאנטריבוציעס, א פארכאפונג פון טעריטאריעס, אן אויסברייטונג פון די קאלאניעס, א פארגרעסערונג פון די מערק, פון איינפלוס־ספערן און אנדערע געווינסן. געווים איז מלחמה אן אויסברענגעריי פון דעם רייכטום און פון די לעבעדיקע מענטשן פון דער מלוכה; עס באדייט פארוויסטונג פון פראווינצן און לענדער און טויט פאר גרויסע מאסן מענטשן; אבער אט־די „מלחמה־הוצאות" האבן קיינמאל ניט אפגעשטעלט די קאפיטאליסטן פון ארייננווארפן דאס לאנד אין דעם בלוטיקן זומפ.

טוט א טראכט, ווי אלע אזוי־גערופענע אינטערנאציאנאלע קאנ־פערענצן, וואס האבן געזאלט סעטלען די סכסוכים צווישן די אימפעריא־ליסטישע מלוכות, האבן זיך אויסגעלאזט מיט גארניט. ניט נאר זיינען אלע קאנפערענצן פון די לעצטע יארן געווען א דורכפאל, נאר זיי האבן

אין אמת'ן געפירט צו א פארשארפונג פון אלע ווידערשפרוכן, וואס צערייסן אף שטיקער די קאפיטאליסטישע וועלט.

געוועזן די קאנפערענץ פון לאזאן, וואו די גרויסע אייראפייאישע אימפעריאליסטישע מלוכות האבן געפרואווט סעטלען די רעפאראציעס־פראגע. עס האט אויסגעזען ווי געסעטלט, אבער די גאנצע זאך האט זיך אנגעשטויסן אן דער סקאלע פון דעם אמעריקאנישן אפזאג צו שענקען די קריגס־חובות — און דער סעטלמענט איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

געוועזן די פראגע פון מאנדזשוריע, וואס יאפאן האט פארכאפט. די פעלקער־ליגע האט געמאכט א מינע אקוראט ווי זי וויל אויסגלייכן דעם סכסוך. זי האט געשיקט די ליטאן־קאמיסיע צו אונטערזוכן די פראגע. דערויף האט יאפאן געענטפערט מיט פארלאזן די פעלקער־ליגע. א פאר יאר איז פאקטיש אנגעגאנגען א מלחמה אין וויייטן מזרח.

די דזשענעווער קאנפערענץ האט אפגעהאלטן זיצונגען חדשים און חדשים. עס האט געהייסן, אז מען וויל זיך דערשלאגן אן אנטוואפענונגס־אפמאך. אויסגעלאזט האט זיך א פארגרעסערונג פון באוואפענונגען איבער דער גאנצער אימפעריאליסטישער וועלט. פאראן איין סארט אינדוסטריען, וועמעס געשעפטן גייען גוט אין די קאפיטאליסטישע לענדער: קריגס־אינדוסטריען. פלאט־באוואפענונגען ווערן אנטוויקלט מיט ריזיקער שנעלקייט. סוואנסאן, דער פלאטן־מיניסטער פון די פאראייניקטע שטאטן, האט ארויסגעשטעלט פאר דעם אמעריקאנישן קריגס־פלאט די פראגראם: „א פלאט וואס זאל ניט אפטרעטן קיין אנדערן אין דער וועלט.” אט־די פראגראם ווערט דורכגעפירט זייער שנעל. די אימפעריאליסטן פון יאפאן און די אימפעריאליסטן פון גרויסבריטאניע האבן געענטפערט מיט א ריזיקן פלאן פון שיף־בוי. פאראן א שיף־בוי־גענעג אויך צווישן די פראנצויזישע און איטאליענישע אימפעראליסטן.

די אלוועלטלעכע עקאנאמישע קאנפערענץ איז געווען א שענדלעכער דורכפאל. אויסגעלאזט האט זיך מיט א פארשארפונג פון דער גאנצער אינטערנאציאנאלער קאנקורענץ. דער „עקאנאמישער נאציאנאליזם”, וואס ווערט ארויסגעשטעלט דורך די פירנדיקע אימפעריאליסטישע מלוכות, איז א מעטאדע פון עקאנאמישער מלחמה; אין דער זעלביקער צייט איז דאס א מעטאדע פון צוגרייטן די עקאנאמישע

סיסטעם פון די אימפעריאַליסטישע לענדער פאַר דעם קומענדיקן באַוואַפנטן צוזאַמענשטויס. קיינמאָל איז די פראַגע פון מערק פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ניט געשטאַנען אַזוי שאַרף, ווי זי שטייט איצט. די פראַגע פון מערק איז די פראַגע פון איבערטיילן די ערד צווישן די אימפעריאַליסטישע מלוכות. און דאָס הייסט מלחמה.

די קרעפטן וואָס רופן אַרויס מלחמה זיינען איצט אַ סך מעכטיקער, ווי זיי זיינען געווען אין 1913. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס שטייט פאַר פרידן, וואָס האָט געפּרואווט דורכפירן אַ פּראָגראַם פון פרידן, אַנטוואָפענונג און אומגעשטערטן אינטערנאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן פאַרקער אין זשענעווע און לאָנדאָן, איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ פונדאַמענטאַלע פּאָליטיק פון קאַפּיטאַליזם. צווישן 1917 און 1922 האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך און יאַפּאַן געקעמפט געגן דער סאָוועטן־רעפּובליק מיט געווער. זיי האָבן געשיקט אינטערווענציע־אַרמייען אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע און זיי האָבן פינאַנסירט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גענעראַלן, וואָס האָבן געפּרואווט אַרונטעררייסן די נייע אַרבעטער־מאַכט. ווען אינטערווענציע און קאָנטער־רעוואָלוציע זיינען באַזיגט געוואָרן דורך דעם מעכטיקן אָנפאַל פון די אַרבעטער און פויערים, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין דער רויטער אַרמיי אונטער דער פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער (קאָמוניסטישער) פּאַרטיי, און די פרעמדע אַרמייען האָבן געמוזט צוריקגעצויגן ווערן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקאָנאָמישע מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע מלחמה דויערט ביזן היינטיקן טאָג. אָבער דאָס איז ניט גענוג. עס זיינען געמאַכט געוואָרן אומצייליקע פּראָבעס פון מיליטערישער אינטערווענציע. אין 1929 איז טאַקע געשיקט געוואָרן אַן אַרמיי אין מזרח־סיביר דורך דעם אויבערהערשער פון מאַנדזשוריע, אָבער אָט־די פּראָבע איז צו־נישט געוואָרן אַדאַנק דער שנעלער און אַנטשיידענער האַנדלונג פון דער רויטער אַרמיי. ווידער און אָבער האָט מען געמאַכט אָנפאַלן אויף די סאָוועטישע אַמבאַסאַדעס און האַנדלס־מיסיעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אַרעסטירט סאָוועטישע פאַרטרעטער. ווידער און אָבער האָט מען אָנגעפירט אָפיציעלע געשטיצטע קאַמפּאַניעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פיש־קאָמיטע איז נאָך פריש בא אַלעמען אין זכרון. דאָס איז געווען אַ קאָנגרעס־קאָמיטע, וועלכע האָט כלומרשט געדאַרפט

אונטערזוכן דעם קאָמוניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זי האָט אָבער ניט אונטערזוכט דעם קאָמוניזם; זי האָט אפילו ניט געמאַכט קיין פּראָבע צו שטודירן דעם קאָמוניזם אַלס אַ סאָציאַלע דערשיינונג. אַנשטאָט דעם האָט זי זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע — צעשפּרייטן די גיפטיקסטע פּראָפּאַגאַנדע געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ניט נאָר דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען שולדיק אין פאַבריצירן מיאוס'ע ליגנס געגן דער אַרבעטער־רעפּובליק. מיטגלידער פון דעם קאַבינעט און הויכע פּאָליטישנס האָבן זיך דערנידעריקט מיט פאַרשפּרייטן באָבע־מעשיות וועגן סאָוועטישער „דאָמפּינג". די געשיכטע וועגן „געצוואונ־גענער אַרבעט" איז פּאַנאַנדערגעשפּרייט געוואָרן זייער ברייט און איז געמאַכט געוואָרן פאַרן באַזיס פון דיסקרימינאַציע געגן סאָוועטישן אימפּאָרט.

צי מיט אָפענער פיינטלעכקייט, צי מיט געמאַכטער „פריינטשאַפט"; צי אָנערקענענדיק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי דאָס האָבן ענדלעך געטאָן די פאַראייניקטע שטאַטן, צי שטייענדיק פעסט געגן אָנערקענונג; צי שליסנדיק ניט־אָנגריף־אָפּמאַכן, צי ברעכנדיק די האַנדלס־אָפּמאַכן אָדער אפילו צערייסנדיק דיפּלאָמאַטישע פאַרהעלטענישן, — די באַציאונג פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער צום סאָוועטן־פאַרבאַנד בלייבט נאָכאַנאַנד די באַציאונג פון אַ פיינטלעכן לאַגער. ניטאָ קיין איינציקער געהיימער צוזאַמענקונפט פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואו עס זאָלן ניט אויסגעאַרבעט ווערן קאָנספּיראַציעס געגן דער אַרבעטער־רעפּובליק. דאָס וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָנערקענט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט געענדערט אָט־די פונדאַמענטאַלע פּאָליטיק.

רוזוועלט און מלחמה

מיר לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון מלחמה, וואָס רוקט זיך אָן אַלץ שנעלער. די גאַנצע מלוכה־פּאָליטיק איז איצט געווענדט אויף צוצוגרייטן דאָס לאַנד צו דער מלחמה. וואָס זיינען אָט־די אַזוי־גערופענע קאָנ־סערוויישאָן קעמפּס, אויב ניט פּלעצער, וואו יונגעלייט ווערן אויסגע־בילדעט פאַר דער קומענדיקער מלחמה? וואָס איז די מיליטאַריזאַציע פון די שולן און אוניווערזיטעטן, אויב ניט אַ צוגרייטונג צו דער מלחמה? וואָס זיינען אָט־די צאָלרייכע „קריגס־שפּילן" אויפן וואַסער און אין דער

לופט, אױף דער ערד און אױפן ים, אויב ניט צוגרייטונגען צו דער מלחמה? וואָס איז אָט־די מאָביליזאַציע פון די אינדוסטריען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט פאַרטיקע אַדמיניסטראַטאָרן אין יעדן טייל פון דעם לאַנד, מיט אַ מאַשינעריע, וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אױף אַ קריגס־באַזיס אין עטלעכע שעה? וואָס זיינען די דאָזיקע ווידערהאָלטע דעקלאַראַציעס פון מיניסטאָרן, אַז מען דאַרף דעם פּלאַט כדי „אויסצובּרייטן דעם אַמעריקאַנישן האַנדל"? וואָס איז אָט־די מאָדערניזאַציע פון דער אַרמיי, מאָדערניזאַציע פון די קריגס־שיפן אויב ניט צוגרייטונגען צו דער מלחמה?

רוזוועלט'ס רעגירונג איז אַ מלחמה־רעגירונג. כדי צו באַהאַלטן די קריגס־צוגרייטונגען פון דעם ברייטן עולם אױף אַ שטיקל צייט, נוצט מען פּאַציפיסטישע פראַזן. רוזוועלט רעדט וועגן וועלט־פרידן! סאָציאַליסטישע פירער אַפּלאָדירן, פרואוון איינריידן דעם פאָלק, אַז רוזוועלט איז אַ שליח פון פרידן. רעפאָרמיסטישע יוניאָן־פירער זינגען אונטער אין כאָר מיט רוזוועלט'ס פרידנס־משוררים. איינער לויבט דעם צווייטן און אַלע צוזאַמען פאַרשפּרייטן זיי אַ רויך־פאַרהאַנג פאַרן לאַנד. דער מלאך גבריאל איבערן ווייסן הויז. אין דער זעלביקער צייט, ווען זיי זינגען דעם הללויה, אַרבעטן די אַמוניציע־פאַבריקן אָווערטיים; גיפטיקע גאַזן ווערן פאַבריצירט אין אַ ריזיקער מאָס; טענקס און געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן ווערן פּראָדוצירט אין די טויזנטער; צענדליקער נייע מעכטיקע קריגס־שיפן ווערן געבויט מיט פיבערדיקער שנעלקייט, כדי דער פלאָט זאָל „ניט אָפּטרעטן קיין אַנדערן אין דער וועלט"; דער גרעסטער טייל פון די פאָנדן פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן ווערט אויסגענוצט פאַר מיליטערישע צוועקן; 300 טויזנט יונגעלייט קריגן מיליטערישע איבונגען אין קאָנסערוויישאָן קעמפּס אונטער דער אויפזיכט פון אַרמיי־אָפיצירן; אַ מיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע אונטערן לאָזונג: „שטיצט דעם פרעזידענט" ווערט אָנגעפירט נאָענט און ווייט און דערמאָנט אָן קריגס־צייטן אונטער ווילסאָנ'ס רעזשים; פאַבריקן, וועלכע אַרבעטן איצט ניט פאַר מלחמה־צוועקן, ווערן מאָביליזירט צו קענען אָנהויבן אַזאַ אַרבעט לויט דער ערשטער מעלדונג; און דער גאַנצער מלחמה־אַפּאַראַט ווערט אויסגעבעסערט דורך דער אָנווענדונג פון די נייעסטע דערפינדונגען. די אַדמיניסטראַציע פון דער „נ.ר.א." ווערט געשטיצט דורך די קריגס־אינדוסטריען און אָנגעפירט דורך די ערגסטע קריגס־פּאַטריאָטן. די „נ.ר.א." האָט קודם כל אין זינען די שחיטה־אינדוסטריע. „נ.ר.א." הייסט מלחמה.

דאָ ווי אומעטום בלייבן מיר קאָמוניסטן אַפן באָדן פון רעאַליזם. מיר זאָגן די אַרבעטער: ווערטער זיינען שטרוי; זיי זיינען ווינט און רויך; מעשים זיינען דער עיקר. די מעשים פון רוזוועלט'ס רעגירונג זיינען מלחמה־מעשים.

מיר זאָגן, אַז די אַרבעטער דאַרפן קעמפן געגן דער מלחמה. די אַרבעטער דאַרפן איינזען, אַז די מלחמה איז געגן זייערע אינטערעסן. פאַראַן נאָר איין גערעכטע מלחמה — און דאָס איז די מלחמה פון אַן אונטערדריקטן קלאַס פאַר זיין באַפרייאונג אָדער די מלחמה פון אַן אונטערדריקטער נאַציע פאַר איר אומאָפּהענגיקייט. אַלע אַנדערע מלחמות זיינען רויבערישע מלחמות. מלחמות פון אימפּעריאַליסטישע מלוכות איינע געגן דער אַנדערער אָדער געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, מלחמות פאַר דער פאַרכאַפּונג פון טעריטאָריעס אָדער פאַר קאָלאָניעס זיינען מלחמות פאַר די פּראָפיטן פון די עקספּלואַטאַטאָרס, אָבער אויסגעקעמפט ווערן זיי דורך די קערפּערס פון אַרבעטער און פאַרמערס. די אַרבעטער און פאַרמערס דאַרפן זיך שטעלן אַנטקעגן. מיר קענען ניט אָפּשטעלן די מלחמה גאָר אינגאַנצן. עס איז ניט מעגלעך צו פאַרהיטן געגן מלחמה אַזוי לאַנג ווי עס הערשט דער קאַפּיטאַליזם. אָבער מען קען אָפּלייגן די מלחמה. מיר קענען האַלטן דעם הערשנדיקן קלאַס אונטער אַ וואָלקן פון שרעק און אים ניט דערלאָזן כאַטש אַ שטיקל צייט אַריינוואַרפן דאָס לאַנד אין אַ שחיטה. צייט שפּילט דאָ אַ געוואַלטיקע ראָלע. מיט דער צייט קענען אויסוואַקסן און שטאַרק ווערן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קען פאַרגרעסערן זיין מאַכט. דער אַרבעטער־קלאַס קען ווערן אַ גרויסער פאַקטאָר אַפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט און צווינגען די רעגירונגען זיך אָפּצוהאַלטן פון דורכפירן אין דעם מאָמענט זייערע קריגס־פּלענער."

דער קאַמף געגן דער קריגס־געפאַר איז אַ פּאָליטישער קאַמף. מען דאַרף אויפוועקן דעם אַרבעטער־קלאַס. עס מוזן זיין פּראָטעסט־מיטינגען, מאַסן־פּעטיציעס, דעמאָנסטראַציעס, סטרייקס. די הערשער מוזן דערפילן אַף אַ קלאָרן און שאַרפן אופן, אַז די אַרבעטער און פאַרמערס זיינען מיטן גאַנצן האַרצן געגן דער מלחמה. אַט־דער גייסט דאַרף איבערגעגעבן ווערן דער אַרמיי.

ווען אַט־דער קאַמף איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גענוג אַנטשלאָסנ־קייט, איז דער באָדן צוגעגרייט פאַר אַן אַקציע אין דער צייט פון מלחמה.

דער אומגליק איז, וואָס די ארבעטער זעען ניט, אז זיי האָבן דעם כח אָפּ־צולייגן די מלחמה. זיי קענען דאָס טאָן. ארבעטער אין אמוניציע־פאַבריקן, סטרייקט! פאַרמאַכט די פאַבריקן! דערלאָזט ניט, אז סטרייק־ברעכער, וואָס די רעגירונג וועט שיקן, זאָלן באַנייען די ארבעט! אייזנ־באַן־ארבעטער, זאָגט זיך אָפּ צו פירן קריגס־מאַטעריאַלן און צו טראַנס־פּאָרטירן סאָלדאַטן! גיט אכטונג אַף די אייזנבאַן־הויפן און דיפּאָס, כדי די רעגירונגס־אַגענטן זאָלן ניט נוצן די וואַגאָנעס און לאָקאָמאָטיוון פאַר קריגס־טראַנספּאָרט. שיף־ארבעטער! לאָדט ניט קיין סאָלדאַטן און קיין אמוניציע אַף די שיפן! טראָק־דרייווערס, זאָגט זיך אָפּ צו העלפן אין דער מלחמה־ארבעט! ארבעטער פון אַנדערע אינדוסטריען, העלפט די סטריי־קערס! פאַרמערס, זאָגט זיך אָפּ צו געבן אייערע שפּייז־פּראָדוקטן און רוי־מאַטעריאַלן פאַר דער שחיטה!

אויב די ארבעטער שטייען אויף מיט אזוינע מיטלען געגן דער מלחמה, וועלן די קאַפּיטאַליסטן מיט זייערע באַוואָפנטע קרעפטן פּרואוון ברעכן דעם ווידערשטאַנד. זיי וועלן מאַכן אָנפאַלן אַף די סטרייקערס. זיי וועלן אָרגאַניזירן א בלוט־פאַרגיסונג. די ארבעטער וועלן דאַרפן ארויס־ווייזן א ווידערשטאַנד. מיר קאָמוניסטן פאַרמאַכן ניט די אויגן אַף דעם פאַקט, אז דאָס הייסט ב י ר ג ע ר ־ ק ר י ג. אָבער ווען די מאַסן זיינען אָרגאַניזירט און זיי קעמפן אין א גרויסער צאָל אונטער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט, איז דער זיג פאַרזיכערט. א טייל פון דער ארמיי וועט זיך געווים אָנהויבן וואַקלען און וועט אריבערגיין אַף דער זייט פון דעם פאָלק. עס וועלן זיין קרבנות, אָבער זייער צאָל קען גאָרניט פאַרגליכן ווערן מיט די פאַרלוסטן פון די ארבעטער אין אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

מיט א זיג פון די מאַסן אין בירגער־קריג שלאָגט די לעצטע שטונדע פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה.

מיר קאָמוניסטן זאָגן ניט, אז די ארבעטער דאַרפן אָנהויבן דעם בירגער־קריג היינט אָדער מאָרגן. מיר זאָגן, אז דער בירגער־קריג איז דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון לאַנגע און איינגעשפּאַרטע קאַמפן געגן די קאַפּיטאַליסטן און זייער מלוכה און אז די דאָזיקע קאַמפן דאַרפן ווערן די טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק פון דעם ארבעטער־קלאַס.

3. דער קאַמף געגן פאַשיזם

מיר האָבן פריער געזאָגט, אז די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה ענדערט

איר פאָרמע און טאַקטיק אין הכסם מיט די אינטערעסן פון דעם הערשנ־דיקן קלאַס. ווען די געזעלשאַפטלעכע לאַגע איז מער אָדער ווייניקער באַלאַנסירט, ווען גרויסע מאַסן־באַוועגונגען דראָען ניט אומצוּוואַרפן די הערשאַפט פון די באַזיצער פון רייכטום, דערלויבט זיך די מלוכה דעם לוקסוס פון אויסזען דעמאָקראַטיש. דעמאָלט זאָגט מען דיר, אַז „דאָס פאָלק" איז דער אמת'ער הערשער פונם לאַנד.

אָבער אַפילו ווען די מלוכה באַווייזט זיך אין איר דעמאָקראַטישער מאַסקע, איז דאָס דעמאָקראַטיע פאַר די באַזיצער פון רייכטום און דיק־טאַטור פאַר די מאַסן. די סיסטעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ דעמאָקראַטיע פאַר די מאָרגאַנס און מעלאָנס, די ראָקעפעלערס און פאָרדס און פאַר יעדן פון די לייט אין די „הויכע פענצטער", ווייל די מלוכה פירט דורך זייער ווילן. אָבער וואָס הערט זיך מיט די סטרייקנדיקע מיינערס, וואָס ווערן באַמבאַדירט מיט גיפטיקע גאַזן? און וואָס הערט זיך וועגן די הונגער־מאַרשירער, וואָס ווערן געשלאָגן מיט קלאָבס? וואָס הערט זיך עפּעס וועגן די טעקסטיל־אַרבעטער, וואָס ווערן קאַלט־בלוטיק דער־שאָסן? וואָס הערט זיך מיט די מילך־סטרייקער, וואָס ווערן אַרומגע־רינגלט מיט סקוואָדס פון דעפּיוטי־שעריפס, געשלאָגן און אַרעסטירט? וואָס הערט זיך מיט דעם געזעצלעכן געווער פון אינדזשאָנקשאָנס, וואָס ווערט געברויכט געגן די סטרייקער ווען זיי קעמפן פאַר אַ גרעסערן ביסן ברויט? וואָס הערט זיך עפּעס וועגן די אומצייליקע פאַלן, וואו דאָס בלוט פון די אַרבעטער ווערט פאַרגאָסן נאָר דערפאַר, וואָס זיי פּרוּווּן פאַרטיידיקן זייער רעכט צו לעבן?

דעמאָקראַטיע פאַר די הערשער, דיקטאַטור פאַר די אַרבעטער; טעראָר, געזעצלעכער אָדער אויסער־געזעצלעכער, ווערט שטענדיק גענוצט געגן די אַרבעטער אַפילו דאָרטן, וואו עס בלייבט די דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרמע.

אָבער אָט־די פאָרמע ווערט גיך און גרינג באַזייטיקט דאָרט וואו דאָס לוינט זיך בעסער פאַר די אינטערעסן פון די הערשער. די סיסטעם, אין וועלכער מיר לעבן איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קען שוין קוים גערופן ווערן דעמאָקראַטיע אַפילו באַם נאָמען. די פאָלקס־פאַרטרעטונג שפּילט שוין נאָר אַ קליינע ראָלע. דער קאָנגרעס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גונסטן רוזוועלט'ן פון זיין פּריווילעגיע פון מאַכן געזעצן. רוזוועלט איז אַן אמת'ער דיקטאַטאָר, וועלכער הערשט דורך אַ גאַנצער צאָל באָארדס,

וואָס ער אַליין האָט באַשטימט. די גאַנצע ריזיקע עקאָנאָמישע געזעצ־געבונג, וואָס איז איצט דורכגעפירט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, שטאַמט ניט פונם קאָנגרעס און האָט אַפילו ניט באַקומען די צושטימונג פון דעם קאָנגרעס. דאָס איז אַ געזעצגעבונג דורך דעקרעטן. אין דער אויסלאַנדס־פּאָליטיק איז דער קאָנגרעס שוין לאַנג געוואָרן אַ שטעמפּל, וואָס ווערט אַרויפגעשטעלט אױף די אָפּמאַכן פון דעם פּרעזידענט מיט אַנדערע מלוכות. אַמאָל האָט אין אַמעריקע געהערשט די טעאָריע פון אַ „גלייכגעוויכט פון מאַכט" צווישן דער געזעצגעבערישער, ריכטערישער און עקזעקוטיווער צווייג פון דער רעגירונג. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די עקזעקוטיווע מאַכט האָט געוואונען די אויבערהאַנט איבער די איבעריקע צוויי. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון וואָל סטריט. דאָס פאַרזיכערט שנעלע האַנדלונג. דאָס מאַכט מעגלעך שטילע „דילס", וואָס האָבן מורא פאַר דעם העלן ליכט פון געזעלשאַפטלעכער דיסקוסיע. דאָס מאַכט אומנויטיק צו דינגען זיך מיט פאַרשיידענע געזעצגעבער, וועלכע דאַרפן זיך עפּשר רעכענען מיט דער שטימונג פון זייערע וויילער (כאָטש אין גרויסן און גאַנצן איז וואָל סטריט ניט שווער געווען צו האַלטן דעם קאָנגרעס אין צוים). דאָס רייניקט אָפּ דעם וועג פאַר ווייטערדיקער אַנט־וויקלונג אין דער ליניע פון אָפענער דיקטאַטור.

דאָרט, וואו קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע ווערט פאַרביטן אױף אָפענער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור מיט דעם צוועק קודם כל צו ברעכן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע דראָט דער קאַפּיטאַליס־טישער הערשאַפט, און מיט דעם צוועק צוזאַמענצובינדן די מלוכה מיטן גרויס־קאַפּיטאַל, כדי בייצוקומען דעם קריזיס פון דעם קאַפּיטאַליזם, דאָרט האָבן מיר פאַשיזם. פאַשיזם איז ברוטאַלע געוואַלד קעגן אַן אויפשטייגנ־דיקן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער הויבט אָן שטעלן אין געפאַר די קאַפּי־טאַליסטישע מאַכט. פאַשיזם שטרעבט אין דער זעלביקער צייט צו אָר־גאַניזירן די אינדוסטריע און דעם האַנדל פאַר די אייגנטימער פון רייכ־טום. די אייזערנע האַנט, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט קעגן די אַרבעטער און אָרעמע פאַרמערס, באַצוועקט צו צווינגען זיי אָננעמען נידעריקערע שכירות און ערגערע אַרבעטס־באַדינגונגען, כדי די באַלעבאַטים זאָלן קריגן גאַראַנטירט גרעסערע פּראָפיטן. די רעגירונגס־רעגולאַציע פון אינ־דוסטריע און האַנדל, די רעגירונגס־סובסידיע און הילף פון דער מלוכה־קאַסע, ד. ה. פון די שטייערן, וואָס ווערט אַרויסגעקוועטשט פון די באַ־פעלקערונגס־מאַסן, באַצוועקן אויך צו פאַרגרעסערן די פּראָפיטן פון די

גרויסע אינדוסטריאַליסטן און באַנקירן. פאַשיזם איז אַ פאָרמע פון רעגירונג, וועלכע וואַרפט אַריין די ריזיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין טיפענישן פון אָרעמקייט און באַליידיקונג, כדי עטלעכע „קעפּ״ פון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס זאָלן לעבן אַ גוטן טאָג.

פאַשיזם געברויכט סיי די שטאַרקע האַנט פון אונטערדריקונג, סיי די מעטאָדן פון דער ערגסטער דעמאַגאָגיע. כדי צו פאַרנאַרן די אומ־צופרידענע מאַסן, באַנוצט זיך דער פאַשיזם אָפט מיט אַנטי־קאַפּיטאַליס־טישע פראַזן; ער שיט שווערבל און פעך אויף עקספּלואַטאַציע; ער פאַר־שפּרעכט אָפּצושאַפן קלאַסן; ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פריינט דעם קליינעם מענטשל. אין דער זעלביקער צייט פּרואווט ער אָפּציען די אויפ־מערקזאַמקייט פון די עקספּלואַטירטע פון דער אמת'ער סיבה פון זייער שווערער לאַגע דורך דעם, וואָס ער דערוועקט אין זיי די נאַציאָנאַליסטישע געפילן, ער פאַרשפּרעכט זיי גליקן אויפן חשבון פון נאַציאָנאַלער באַ־הערשונג פון אַנדערע לענדער, ער פאַרפאָלגט נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. דאָס איז געווען דער פאַל אין איטאַליע, אונגאַרן, פּוילן; דאָס איז דער פאַל אין דייטשלאַנד, וואו מיר האָבן דעם פאַשיזם אין זיין שאַרפס־טער פאָרמע.

פאַשיזם קען דערשיינען אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און אין פאַר־שיידענע גראַדן. מיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן זעען פאַר אונזערע אויגן, ווי עס וואַקסט די פאַשיזאַציע פון דער מלוכה. אָט־די פּראָבעס צו פאַרבאָטן סטרייקס; אָט־די „קאָודס״ פון דער „נ.ר.א.״, וועלכע דאַרפן כלומרשט אָרגאַניזירן די אינדוסטריע און דעם האַנדל דורך רעגולאַציעס פון דער מלוכה; אָט־די „שותפות״ צווישן דער רעגירונג און דער אינ־דוסטריע און דער רעגירונג און די אַרבעטער, וואָס איז דערקלערט געוואָרן פאַר דעם ווינקל־שטיין פון דער רוזוועלט־פּאָליטיק; אָט־די טעראָר־כוואַליע, וואָס פאַרפלייצט די סטרייק־געגנטן פון דעם לאַנד — וואָס איז דאָס, אויב ניט אויסדרוקן פון פאַשיסטישער טענדענץ? אָט־די דיקטאַטור פון איין מענטשן, וואָס איז אַזוי ווילינק אָנגענומען געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד — אַחוץ, פאַרשטייט זיך, די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער — וואָס איז דאָס, אויב ניט עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער נאָענט צום פאַשיזם? אָט־די פּראָפּאַגאַנדע פון סופּער־נאַציאָנאַליזם, וועלכע שטאַמט פון די הויכע פענצטער אין וואַשינגטאָן — דערדויפּט נאָך דעם דורכפאַל פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ — דערמאָנט דאָס נישט אָן פאַשיסטישער

טאַקטיק? מיר האָבן נאָך ניט קיין אויסגעהאַלטענעם און פאַרענדיקטן פאַשיזם אין אַמעריקע. אָבער מיר האָבן אַ פאַשיזאַציע פון דעם רע־גירונגס־אַפּאַראַט, און מיר האָבן אַן אַטמאָספערע, וואו פאַשיזם קען שנעל אוועקגעשטעלט ווערן אויף דער טאָג־אָרדענונג. די פאַשיסטישע געפאַר אין לאַנד איז קלאָר אַנאַליזירט געוואָרן אויף דעם אַנטי־מלחמה־קאָנגרעס, וועלכער איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דעם 29טן סעפּטעמבער 1933 מיט 2600 דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע פּראָלעטאַרישע און אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס. דער קאָנגרעס האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס אַ שטענדיקע קערפּער־שאַפט — די ליג פון קאַמף געגן מלחמה און פאַשיזם.

דאָס נעגערשע פאָלק

איינע פון די הויפּט־פּאָליסים פון דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם איז די אונטערדריקונג פון דעם נעגערשן פאָלק.

עס איז דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַן ערך 12 מיליאָן נעגערס. אַן ערך 9,500,000 פון זיי לעבן אין דער סאַוט. די וואָס לעבן אין דער נאָרט זיינען מערסטנס קאָנצענטרירט אין אינדוסטריעלע צענטערס און אין עטלעכע גרויסע שטעט. ניו־יאָרק האָט אַ נעגער־באַפעלקערונג פון 328,000; שיקאַגאָ — 234,000; פילאַדעלפיע — 222,000. ניו־אָרלינס, באַלטימאָר און וואַשינגטאָן האָבן יעדע אַן ערך 130,000. אָט־די גרויסע מאַסע טונקל־הויטיקע אַמעריקאַנער ליידט פון דער ברוטאַלסטער און העסלעכסטער סיסטעם פון אונטערדריקונג, וואָס די היינט־צייטיקע וועלט האָט געזען.

צוריק מיט 70 יאָר, זאָגט מען אונז, האָט מען צעבראָכן די קייטן פון קערפּערלעכער שקלאַפעריי, וואָס האָבן געבונדן די נעגערס. דער אמת איז, אַז די קייטן פון שקלאַפעריי זיינען נאָך אַלץ איינגעשניטן אין די קערפּערס פון דעם נעגערשן פאָלק.

די ריזיקע מערהייט פון די נעגערס באַשטייט אָדער פון אַרבעטער, אָדער פון פאַרמערס. אין דער סאַוט זיינען די נעגערס מערסטנס טענענט־פאַרמערס און שעיר־קראָפּערס און איבער זיי הערשן די ווייסע באַלע־באַטים מיט דער פולער מאַכט. ווען דער לאַנד־אייגנטימער פאַרקויפט

דאָס לאַנד, פאַרקויפט ער עס צוזאַמען מיט די וואָס אַרבעטן אַף דעם, פּונקט אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אַמאָליקע יאָרן אונטער דער סיסטעם פון קערפּערלעכער שקלאַפעריי. ווען דער נעגערשער טענענט און שעיר־קראַפּער באָרגט געלט אָדער ער באַקומט עסנוואַרג, באַמיסטיקונג און אַנדערע נויטווענדיקייטן אַף קרעדיט — און ער מוז באָרגן, ווייל ער איז שרעקלעך אָרעם — צאָלט ער געוואַלטיקע פּראָצענטן, אָפטמאָל אַזוי פיל ווי 37 סענט אַף אַ דאָלאַר פּער יאָר, און זיין חוב בינדט אים צו דער פאַרם. ווען ער פּרואווט פאַרלאָזן זיין פאַרם זייענדיק אַ בעל־חוב, ווערט ער אַרעסטירט און אַריינגעגעבן אין אַ טשיין־גענג, סיידן זיין לענדלאָרד אָדער אַן אַנדער ווייסער באָס „קויפט אים אויס". ער אַרבעט ביזן בלוטיקן שוויים פאַר דעם באַלעבאָס פון דעם לאַנד. לויט אַן אָפּשאַצונג, האָבן אַפילו פאַרן איצטיקן קריזיס 7 מיליאָן נעגערס אין דער סאַוט געלעבט אַף אַן איינקונפט פון ווייניקער ווי פינף דאָלאַר אַ וואָך *פּער פאַמיליע*, און צווישן זיי האָבן דריי מיליאָן געלעבט אַף אַן איינקונפט פון ווייניקער ווי דריי דאָלאַר אַ וואָך פּער פאַמיליע. אין דער צייט פון דעם קריזיס איז די לאַגע פון די נעגער־מאַסן געוואָרן אַ סך ערגער.

אין די אינדוסטריעלע צענטערס פון דער נאָרט און פון דער סאַוט באַקומען די נעגער־אַרבעטער ווייניקער שכירות פאַר דער זעלביקער אַרבעט, ווי די ווייסע, און באַהאַנדלען באַהאַנדלט מען זיי ערגער. אין די גרויסע שטעט פון דער נאָרט, פּונקט ווי אין דער סאַוט, זיינען זיי איינגעשלאָסן אין ספּעציעלע געטאָס, וואו זיי צאָלן מער פאַר ענגע און אומגעזונטע צימערן. די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס זאָגן זיך אָפּ צו אָרגאַניזירן די נעגער־אַרבעטער; אַ סך יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. לאָזן אינגאַנצן ניט אַריין קיין נעגער־מיטגלידער; אַנדערע לאָזן זיי נאָר אַריין אין דזשים־קראָו לאָקאַלן. די נעגערשע אַרבעטסלאָזע ווערן אָפּטער אויסגעשלאָסן פון דעם רעליף און, ווען מען גיט זיי שוין יאָ עפּעס, גיט מען זיי ווייניקער ווי זייערע ווייסע ברידער, כאָטש די אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיך איינגעפרעסן צווישן די נעגערס אַ סך טיפער און ברייטער ווי צווישן די ווייסע אַרבעטער. אונטער דער „נ.ר.א." האָבן טויזנטער ווייסע באָסעס אָפּגעזאָגט זייערע נעגערשע אַרבעטער און זיי פאַרביטן אַף ווייסע, וועמעס אַרבעט איז בשום אופן ניט בעסער, ווי די אַרבעט פון די נעגערס.

די שטרעבונג פון די נעגערשע מאַסן צו דערציאונג ווערט געהאַמעוועט דורך דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס. פאַראַן ווייניקער שולן פאַר די

נעגער־קינדער און וויניקער דערציאונגס־אַנשטאַלטן פאַר דער נעגערשער יוגנט. נעגערשע אינטעליגענטן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, וויסנשאַפטס־לייט, דער־ציער, לערער וועלן געוויינטלעך אויסגעשלאָסן פון פּראַקטיצירן צווישן דער ווייסער באַפעלקערונג און זיי ליידן פון אַנדערע דיסקרימינאַציעס אויף טויזנטער אופנים. אפילו דער נעגערשער ביזנעסמאַן באַגעגנט שטרויכ־לונגען און באַריערן, גערעגלטע און אַנדערע, וואָס זיינען אומבאַקאַנט דעם ווייסן מיטגליד פון זיין קלאַס. אויף יעדן טריט באַגעגנט דער נעגער אַ צוים פון שטעכיקע דראָטן, וואָס פאַרשטעלט אים דעם וועג.

די דאָזיקע גאַנצע עקאָנאָמישע אונטערדריקונג ווערט באַגלייט פון אַ סיסטעם פון פּאָליטישער און סאָציאַלער דערנידעריקונג, וואָס איז קוים בעסער ווי פאַר דעם בירגער־קריג. דער נעגער פון דער סאַוט האָט גע־וויינטלעך ניט קיין שטים־רעכט. די דזשים־קראָו געזעצן מאַכן זיין לעבן אומדערטרעגלעך. אַ גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע ווערט געפירט דורך דעם ווייסן הערשער־קלאַס געגן די נעגערס, וועלכע ווערן געשטעמפּלט אַלס אַ „נידעריקערע ראַסע".

די דאָזיקע גאַנצע סיסטעם פון אונטערדריקונג ווערט באַקרעפטיקט דורך דעם ספּעציעלן געווער פון דעם אַמעריקאַנישן ווייסן הערשער־קלאַס — לינטשעריי.

מיר קאָמוניסטן דערקלערן, אַז די זאַך פון דער נעגער־באַפרייאונג איז די זאַך פון אַלע ווייסע האַרעפּאַשניקעס, אין דער ערשטער ליניע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. פאַר אונז איז קלאָר פון אָנפאַנג אָן, אַז יעדע נאַציע האָט אַ רעכט צו פרייהייט און גלייכהייט, און מיר ווייסן אַז די באָבע־מעשה וועגן „העכערע ראַסן" איז מיט אַ כיוון דערפונדן געוואָרן דורך די עקספּלואַטאַטאָרס צו באַרעכטיקן זייער אונטערדריקן אַנדערע פעלקער. מיר דערקלערן, אַז די אַמעריקאַנישע נעגערס זיינען אַ נאַציע, און אַז „ל א נ ד, פ ר י י ה י י ט און ג ל י י כ ה י י ט", די פאָדערונגען, וואָס האָבן געגליט אויף די פאָנען פון די קעמפנדיקע נעגערס אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג און דעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד, מוזן ווערן דער לאָזונג פון דעם קאַמף פאַר דער נעגער־באַפרייאונג אין אונזערע טעג. דאָס הייסט, אַז די פּלאַנטאַציע־סיסטעם אין דער סאַוט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן; אַז דאָס לאַנד זאָל צעטיילט ווערן צווישן די נעגערשע פאַרמערס, שעיר־קראָפּערס און טענענטס; אַז די נעגערס זאָלן קריגן גאַראַנטירט פולע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע גלייכהייט אין

יעדן טייל פון דעם לאַנד און אַז דאָס נעגערשע פאָלק זאָל קריגן פולע פרייהייט צו אַנטוויקלען זיך אומגעשטערט אַלס אַ נאַציע.

פאַר די, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איז דער געדאַנק, אַז די נעגערס פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַ נאַציע, ניט קיין איבערראַשונג. וואָס איז דען אַ נאַציע? ווי אַזוי קען מען דער־קענען אַ נאַציע? סטאַלין, וועלכער האָט ניט נאָר גרינטלעך געשטודירט די נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר וועלכער איז געווען טעטיק אין באַפרייען די צאַרייכע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן געקרעכצט אונטערן יאָך פון צאַריזם אין רוסלאַנד, רעכנט אויס די פאָלגנדיקע סימנים פון אַ נאַציע:

אַ נאַציע, זאָגט ער, איז „אַ היסטאָריש־אַנטוויקלטע געמיינשאַפט־לעכקייט פון אַ פאָלק, מיט אַ געמיינזאַמער שפּראַך, טעריטאָריע, עקאָ־נאָמישן לעבן און אַ היסטאָרישער טראַדיציע, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ געמיינזאַמער קולטור.”

די דאָזיקע אַלע סימנים געפינען מיר פאַראייניקט אין דעם נעגערשן פאָלק. געוויס זיינען זיי אַ היסטאָריש־אַנטוויקלטע געמיינשאַפטלעכקייט פון מענטשן. זיי האָבן אַ געמיינזאַמע שפּראַך; זיי זיינען צוזאַמענ־געבונדן דורך אַ געמיינזאַמען עקאָנאָמישן לעבן; זיי האָבן היסטאָרישע טראַדיציעס, וואָס זיינען אַנדערש ווי די טראַדיציעס פון אַנדערע אַמערי־קאַנער; זיי אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטור. דאָס מוז צוגעבן יעדער באַאָבאַכטער.

וואָס איז שייך טעריטאָריע, איז פאַראַן אַ שטרעקע לאַנד, וואָס ציט זיך פון די מזרח־ברעגן פון מערילאַנד ביז טעקסאַס דורך צוועלף שטאַטן און וואָס נעמט אַריין 397 קאַונטיס, וואו די נעגערס בילדן אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג. אָט־די טעריטאָריע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „שוואַרצער פאַס” („בלעק בעלט”), איז דאָס היימלאַנד פון די נעגערס. אָט־דאָס לאַנד האָבן זיי באַאַרבעט הונדערטער יאָרן, פּראַקטיש זינט דאָס לאַנד איז געוואָרן באַזעצט. די גאַנצע טעריטאָריע איז עקאָ־נאָמיש איינהייטלעך, ווייל דאָס איז דאָס זעלביקע ווי דער אַלטער „קאַטן־בעלט” פון דער סאַוט. אָט־דאָ האָבן די נעגערס צוריק מיט 70 יאָר העלדיש געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג. אָט־דאָ האָבן זיי אין אונזער צייט אָנגעהויבן די שלאַכטן פאַר זייער נייער פרייהייט. אָט־די נייע פרייהייט ווערט גערופן נ א צ י אָ נ א ל ע ז ע ל ב ס ט ב א ש ט י־מ ו נ ג.

יעדע נאַציע האָט אַ רעכט צו לעבן איר אייגן לעבן, אומאָפּהענגיק פון אַנדערע נאַציעס. צוזאַמען מיט די פּאַרטגעשריטנסטע און מוטיקסטע קעמפער צווישן די נעגערס דערקלערן מיר קאָמוניסטן, אַז אַט־די טעריטאָריע, דער שוואַרצער פּאַס, וועלכער איז די טעריטאָריע פון די נעגערס, דאַרף ווערן אָרגאַניזירט אַלס אַ באַזונדערע פּאָליטישע איינהייט (יוניט), ניט געקוקט אויף די גרענעצן פון די סטייטס, וועלכע שניידן אים איבער. אין אַט־דער פּאָליטישער איינהייט דאַרף די נעגערשע מערהייט האָבן דעם פולן רעגירונגס־קאָנטראָל, וואָס דאָס הייסט דאָס רעכט צו בילדן אַ רעגירונג און צו אָרגאַניזירן די באַוואָפנטע קרעפטן צו פאַרטיידיקן אירע רעכט. דאָס הייסט ניט אויסשליסן די ווייסע האַרעפּאַשניקעס, וואָס לעבן איצט אין דער זעלביקער טעריטאָריע, אָדער דיסקרימינירן געגן זיי. פאַרקערט, יענע וועלן האָבן גלייכע רעכט מיט די נעגערס, וואָס דאָס הייסט, אַז זיי וועלן האָבן מ ע ר פרייהייט, ווי זיי האָבן געהאַט אונטער דער דיקטאַטור פון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס. די רעגירונג און די באַוואָפנטע קרעפטן פון דעם ווייסן הערשער־קלאַס מוז באַזייטיקט ווערן פון דעם שוואַרצן פּאַס.

אַט־די פאָדערונג מעג אויסזען ניי פאַר אַ סך אַמעריקאַנישע אַרבעטער. אָבער דאָס איז עלעמענטאַרע גערעכטיקייט. דאָס איז אין איין ליניע מיט דער אַלגעמיינער פאָדערונג פון באַפרייאונג פאַר אַלע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אומעטום איבער דער גאַנצער וועלט. די ווייסע אַרבעטער אין דער סאַוט וועלן קעמפן פאַר אַט־דער פאָדערונג פון דעם נעגערשן פאָלק, ווייל נאָר אויף דעם אופן וועלן זיי קענען ברעכן די מאַכט פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם אונטערדריקט ניט נאָר דאָס נעגערשע פאָלק, כאָטש דאָ איז די אונטערדריקונג — די ערגסטע. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם אונטערדריקט אויך אַ ריי קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע פעלקער, ווי די האַוואַאי אינזלען, פּוערטאָ ריקאָ, די פיליפּינען, קובאַ און אַ סך אַנדערע. די וואָל סטריט קאַפּיטאַליסטן נעמען אַראָפּ די סמעטענע פון אַט־די לענדער און לאָזן די אָרטיקע אַרבעטער און אָרעמע פאַרמערס הונגערן און שקלאַפן.

מיר קאָמוניסטן זאָגן, אַז עס איז די פליכט פון די אַרבעטער צו קעמפן געגן קאַפּיטאַליסטישן טעראָר, געגן דערשיינונגען פון פאַשיזם,

געגן דער אונטערדריקונג פון אַנדערע פעלקער. מיר זאָגן, אַז קעמפן איז אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער. מיר אַפּעלירן צו די ק ל אַ ס ן־ אַ י נ ט ע ר ע ס ן פון די אַרבעטער און פון די עקספּלואַטירטע באַפעלקערונגס־מאַסן. שטייט אַף דער וואַך. ווייזט אַרויס אַ ווידערשטאַנד געגן קאַפּיטאַליסטישן טעראָר. קעמפט פאַר אייער רעכט צו אָרגאַניזירן זיך, צו פאַרזאַמלען זיך, צו סטרייקן. ברעכט די קאַפּיטאַליסטישע דיקטאַטאָרישע דעקרעטן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן געגן אייך. גיט זיך ניט אונטער. דערלאַנגט צוריק. אין אייניקייט איז אייער קראַפט.

פרייהייט מוז אויסגעקעמפט ווערן — און אָט־דער קאַמף קען ניט וואַרטן. דאָ דאַרף מען האַנדלען יעדן טאָג, יעדע שעה. אייערע באַסעס ווילן ניט דערלאָזן איר זאָלט זיך אָרגאַניזירן: אָרגאַניזירט זיך. זיי וועלן פּרוּוון „סעקן" אייערע אָרגאַניזערס: שטייט פעסט, פאַרטיידיקט זיך! זיי וועלן פּרוּוון אָפּזאָגן מער: ענטפערט מיט אַ סטרייק; פּיקעט די פאַבריק! זיי וועלן שיקן פּאָליסלייט און געדונגענע דעפּיוטיס צו צעברעכן אייער פּיקעט־ליין: שטייט פעסט, טרעט ניט אָפּ! זיי וועלן שיקן אַ רעפּאָרמיסטישן פירער, ער זאָל אייך איינריידן אָנצונעמען באָסישע אַרביטריישאָן: טרייבט אים אַרויס ווי אַ געלן הונט! זיי וועלן אַריינזעצן אייניקע פון אייערע פירער אין טורמע: דעמאָנסטרירט, פּראָטעסטירט, פילט אָן דאָס געריכט מיט הונדערטער אַרבעטער, פאָדערט די באַפרייאונג פון אייער חבר, פּיקעט די געריכטס־געבײַדע, פּיקעט דעם ריכטער'ס הויז, רופט אַרויס אַנדערע אַרבעטער זיי זאָלן אייך העלפן אין אייער קאַמף; מאַכט אייער קאַמף פאַר דעם קאַמף פון אַ גרויסער צאָל קלאַסנבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער. "

אייערע באַלעבאַטים שיקן מאַרינען געגן אַ לאַטייניש־אַמעריקאַנישן לאַנד, ווי דאָס איז ניט לאַנג געטאָן געוואָרן מיט קובאַ, וואוהין עס איז געשיקט געוואָרן 29 קריגס־שיפן צו ברעכן די רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און פאַרמערס. אייערע באַלעבאַטים העלפן שטענדיק די אָרטיקע עקספּלואַטאַטאָרס, געגן וועמען עס האָבן זיך אויפגעהויבן די מאַסן. זייער צוועק איז אָנהאַלטן אין די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע לענדער אַ רעגירונג וואָס טאַנצט לויט דער דודקע פון וואָל סטריט און וואָס איז ניט מער ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון וואָל סטריט; דאָס איז פאַר זיי נויטיק, ווייל וואָל סטריט באַקומט הונדערטער מיליאָנען פון דער אַרבעט פון די

אָרטיקע מאַסן. געדענקט זשע, אַז איר קענט ניט זיין פריי אַזוי לאַנג ווי די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע מאַסן זיינען אונטערדריקט. געדענקט, אַז איר קעמפּט געגן דעם זעלביקן פיינט און אַז דער זעלביקער קאַמף וועט אייך אַלעמען באַפרייען. די אַרבעטער דאַרפן קעמפן געגן יעדן טריט פון דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, אויסשטרעקנדיק אַ ברידערלעכע האַנט צו העלפן די פעלקער פון די אונטערדריקטע לענדער.

די זעלביקע קייטן פון שקלאַפעריי, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם לייב פון דעם נעגערשן פאָלק, האָבן זיך איינגעגעסן אויך אין סאַמע האַרץ פון די ווייסע אַרבעטער און פאַרמערס. דער גרויסער פירער פון דעם אַרבעטער־קלאַס, קאַרל מאַרקס, האָט אַמאָל געזאָגט: „אַרבעט אין אַ ווייסער הויט קען זיך ניט באַפרייען אַזוי לאַנג ווי אַרבעט אין אַ שוואַרצער הויט ווערט געשטעמפּלט." אייערע באַלעבאַטים טרעטן מיט די פיס די נעגער־מאַסן, כדי צו שניידן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד ניט נאָר פון די טונקל־הויטיקע, נאָר אויך פון די ווייסע אַרבעטער און פאַרמערס. ווען די באַסעס האָבן געבראָכן איין טייל פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דעם שוואַרצן, קענען זיי לייכטער ברעכן דעם אַנדערן טייל, דעם ווייסן. דורך דעם וואָס די באַסעס אונטערדריקן די נעגערס, ווילן זיי אייך מאַכן שוואַך; דורך דעם וואָס די ווייסע אַרבעטער פאַראייניקן זיך מיט די נעגערס, קענען זיי זיך מאַכן שטאַרק. דאָס נעגערשע פאָלק איז פול מיטן גייסט פון קאַמף. כדי צו ברעכן די מאַכט פון דעם הערשער־קלאַס, דאַרפן די אַרבעטער פון אַמעריקע האָבן דאָס נעגערשע פאָלק פאַר אַ שותף. כדי צו ברעכן זיינע קייטן, דאַרף דאָס נעגערשע פאָלק האָבן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער אַלס אָנפירער און שותפים. ביידע האָבן די זעלביקע אינטערעסן. ביידע האָבן דעם זעלביקן שונא. דאַרפן זיי זיך פאַראייניקן אין איין און דעם זעלביקן קאַמף.

דעריבער זאָגן מיר צו די ווייסע און צו די נעגערס: ווייס און שוואַרץ, פאַראייניקט זיך. ברעכט די דזשים־קראָו געזעצן סיי אין דער נאָרט, סיי אין דער סאַוט. פאַראייניקט זיך אין די זעלביקע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, אין די זעלביקע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. נעגערס און ווייסע, קעמפּט זייט בא זייט. שטעלט אָפּ דעם לינטש־פאַרברעכן. לערנט די לינטשערס די לעקציע פון קעמפערישן ווידערשטאַנד. לאָזט זיי פילן אין זייערע ביינער, אַז מען קען ניט מאָרדן מענטשן אומבאַשטראָפט. אויב עס בילדעט זיך אויס אַ שטאַרקער פאַר־

אייניקטער פראַנט פון ווייסע און נעגערשע ארבעטער און אָרעמע פאַר־מערס, וואָס וועלן זיך שטעלן געגן די לינטשערס מ י ט מ א כ ט, קענען זיי מאַכן אן עק פון אָט־די בלוטיקע מערדערייען.

מיר זאָגן דעם נעגער־פאָלק: געדענקט, אז נאָר דורך דעם קאַמף פון די ארבעטער און עקספּלואַטירטע פּארמערס געגן דער קאַפּיטאַליס־טישער הערשאַפט קענט איר ווערן פריי אלס נאציע. קוקט זיך ניט אום אף דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס רופט אייך „צוריק אין אפריקע", צוריק אין ליבעריע; הערט זיך ניט צו צו די פּריידיקער, וואָס הייסן אייך פארלאָזן דאָס שלאַכט־פעלד. געדענקט, אז מען קען זיך ניט ראַטעווען פון עקס־פּלואַטאַציע און אונטערדריקונג סײַדן דורך רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועל־כער מאַכט א סוף פון דער הערשאַפט פון די אונטערדריקער און עקס־פּלואַטאַטאָרס. געדענקט, אז אייערע אייגענע נעגערשע רעפאָרמיסטן, ווי די „נעשאָנאַל אסאָסיאיישאָן פאָר די אדוואַנסמענט אָוו די קאָלאָרד פּיפּל", וועלכע בוקן זיך פארן הערשער־קלאַס און בעטן אים צו זיין „גוט" צו די נעגערס אלס באלוינונג דערפאַר, וואָס די נעגערס וועלן זיין גוט און פרום און געהאָרכזאַם, זיינען ניט די בעסטע פריינט פון דעם נעגערשן פאָלק; דער פאַקט איז, אז זיי פארלענגערן נאָר אייער שקלאַ־פעריי און זיי דינען אייערע באַלעבאַטים. געדענקט, אז די פּראָפּאַגאַנדע וועגן „אייניקייט פון די טונקל־הויטיקע ראַסן" (אָט־דער סם ווערט איצט איינגעשפּריצט די אמעריקאַנישע נעגערס דורך די יאַפּאַנעזישע אימ־פּעריאַליסטן) פירט אייך אראָפּ פון דעם ריכטיקן וועג. די מענטשהייט איז צעשפּאָלטן ניט אף ראַסן, נאָר אף אונטערדריקער און אונטערדריקטע. די אינטערעסן פון דער נעגערשער נאציע זיינען ניט אָפּצוטיילן פון די אינטערעסן פון די ווייסע ארבעטער און פּארמער, וועלכע ליידן פון די זעלביקע באַלעבאַטים. די אינטערעסן פון די ווייסע ארבעטער און פאַר־מערס זיינען ניט אָפּצוטיילן פון די אינטערעסן פון די פעלקער, וואָס ווערן אונטערדריקט דורך די זעלביקע הערשער.

מיר ווענדן זיך באַזונדער צו די נעגערשע ארבעטער; מיר זאָגן זיי: א י ר זייט די מיליטאַנטסטע פון אייער פאָלק; איר דאַרפט זיין אין די ערשטע רייען פון דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג. איר מוזט זיך פאַר־אייניקן מיט אייערע ברידער־ארבעטער אין די פאַבריקן, אין די קעמ־פערישע יוניאָנס, אין אנדערע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אין דעם קאַמף פאַר העכערע שכירות און פאַר אלע אנדערע ארבעטער־פאָדערונגען. קוקט

זיך ניט אום אַף אייערע נאַציאָנאַליסטישע פּריינט, וועלכע ווילן אייך איינריידן, אַז אַלע ווייסע זיינען אייערע פיינט. טוט אַ קוק, ווי אַזוי אַלע מינאָריטעט־נאַציאָנאַליטעטן זיינען באַפרייט געוואָרן און האָבן געקראָגן אַ מעגלעכקייט צו לעבן אַ פריי און גליקלעך און קולטורעל לעבן אונטער די סאָוועטן, אַ ד אַ נ ק ד ע ם פּ אַ ר א י י נ י ק ט ן ק אַ מ ף פ ו ן אַ ל ע ה אָ ר ע פּ אַ ש נ י ק ע ס.

מיר ווענדן זיך צו די ווייסע אַרבעטער און זאָגן זיי: די וואָס פריידיקן צווישן אייך די לערע וועגן אַ „העכערער ראַסע", זיינען אייערע ביטערע פיינט. ווען זיי ריידן וועגן דער „ריינקייט פון דער ווייסער ראַסע", מיינען זיי די פּראָפיטן פון די ווייסע עקספּלואַטאַטאָרס. ווען זיי ריידן וועגן דער ווייסער ראַסע אַלס „הערשער־ראַסע", מיינען זיי די אָנזאַמלונג פון מיליאָנען פאַר די ווייסע הערשער. ווען די יוניאָן־ביוראָקראַטן ווילן ניט צולאָזן נעגערס אין די יוניאָנס, האַנדלען זיי אין די אינטערעסן פון די באָסעס, וועלכע ווילן ניט דערלאָזן אַ פאַראייניקונג פון די ווייסע און נעגערישע עקספּלואַטירטע. עס איז אין אייערע אינטערעסן, אַרבעטער, אָפּצוּוואַרפן אָט־דעם סם פון אייערע באַלעבאַטים. געדענקט, אַז דער ו ו י י ס ע ר ש אָ ו ו י נ י ז ם שוואַכט אָפּ אייערע רייען און פאַרשטאַרקט די מאַכט פון די אונטערדריקער. געדענקט, אַז אַפילו אייער ג ל י יכ ג י ל ט י ק י י ט צו דער אונטערדריקונג פון די נעגערס איז אַ שטיצע פאַר דער הערשאַפט פון די באָסעס. אייער פאָן איז דעריבער די פאָן פון ברידערלעכער אייניקייט, פון קעמפעריי־שער אייניקייט מיט דעם נעגערישן פאָלק.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע פּאַרטיי אין אַמעריקע, וועלכע האָט פּאַקטיש איינגעפירט נעגער־גלייכהייט אין דער פּראַקטיק פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס און פון אונזערע טאָג־טעגלעכע קאַמפן. אונזער טעאָריע ווערט באַוויזן ניט נאָר אין אונזערע ווערטער, נאָר אין אונזערע טאַטן. אַזוינע קאַמפן, ווי דער קאַמף אַרום דעם ס ק אַ ט ס־ ב אָ ר אָ פּ ר י י ם־אָ פּ, זיינען געוואָרן וויכטיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף געגן אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

:: :: ::

מיר האָבן אויסגערעכנט די פונדאַמענטאַלע קאַמפן פון די אַרבעטער. פאַראַן אַ סך אַנדערע קאַמפן. יעדער טאָג ברענגט זיינע אייגענע אויפגאַבן. יעדער טריט פון די קאַפּיטאַליסטן און פון זייער רעגירונג פאָדערט נייע אַרבעטער־קאַמפן. די קאַמפן זיינען ניט אָפּגעטיילט איינער פון דעם

צווייטן. זיי זיינען געקניפּט און געבונדן אין איין גרויסן גאַנצן. איין קאַמף העלפט דעם צווייטן. איין זיג פאַרלייכטערט אַ צווייטן. זיי אַלע צוזאַמען פאַרשטאַרקן דעם אַרבעטער־קלאַס. זיי אַלע שוואַכן אָפּ די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. דער קאַמף איז אַלעמאָל פאַר באַלדיקע פאָדערונגען, אָבער אין דעם קאַמף איז שטאַנדיק אַנטהאַלטן דער ענדגילטיקער צוועק: דער אומוואַרף פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אויב איר וועט האַלטן אייערע אויגן אָפן, וועט איר באַלד איינזען, אַז נאָר די, וואָס קעמפן פאַר דעם אומוואַרף פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, קעמפן באמת פאַר באַלדיקע פאָדערונגען. די רעפאָרמיסטישע פירער און די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועלכע זיינען ניט פונדאַמענטאַל געגן קאַפּיטאַליזם, קעמפן אין אמת ניט פאַר באַלדיקע פאָדערונגען. נעמט צום ביישפּיל די סטרייקס אָדער דעם קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג. די אַלע קאַמפן, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פאַר העכערע שכירות, **אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג** און רעליף, זיינען פאָרגעקומען אונטער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט מיט דעם נאָענטסטן אָנטייל פון די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען פאַר אומוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מיט געוואַלד.

די אַלע קאַמפן זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע. זיי זיינען אַ נויטווענדיקייט. זיי שטאַמען פון די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען. זיי זיינען פון לעבנס־וויכטיקייט פאַר די אַרבעטער. וואָס טיפער עס ווערט דער קריזיס, וואָס גרעסער עס ווערט די צאָל אַרבעטסלאָזע, וואָס שאַרפער עס ווערט די קריגס־געפאַר, וואָס גרעסער עס ווערן די קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקעס אויף דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן, וואָס מער עס וואַקסט די פאַשיסטישע געפאַר, וואָס מער עס פאַרשפּרייט זיך דער לינטש־טעראָר, אַלץ נויטווענדיקער ווערן די מאַסן־קאַמפן פון די אַרבעטער. וואָס גרעסערע מאַסן עס וועלן זיך באַטייליקן אין די קאַמפן, וואָס שטאַרקער עס וועט זיין זייער אייניקייט און קאַמפס־גייסט, אַלץ דערפאָלגרייכער וועלן זיין זייערע קאַמפן. דעריבער זיינען מיר קאָמוניסטן פאַר אַ פּ אַ ר־אייניקטן פראָנט פון קאַמף. דערמיט ווילן מיר זאָגן, אַז אַלע אַרבעטער, צו וואָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע אָדער פאַרטיי זיי זאָלן ניט געהערן, דאַרפן זיך פאַראייניקן אַרום געוויסע האַנדלונגען. צום ביישפּיל: דער קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־רעליף וואָלט געקענט זיין אַ סך מער דערפאָלגרייך, אויב גרויסע מאַסן אַרבעטער, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, מיטגלידער פון רויטע יוניאָנס און מיטגלידער פון רעפאָר־

מיסטישע יוניאָנס, וואָלטן זיך פֿאַראייניקט אין זייער אַקציע צו שטצן אָט־די פֿאָדערונג. דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דעם קאַמף פֿאַר נעגער־רעכט. דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע דעם קאַמף געגן דער קריגס־געפֿאַר און בנוגע אַלע אַנדערע קאַמפֿן. דעריבער רופֿן מיר די אַרבעטער זיי זאָלן זיך פֿאַראייניקן. מיר גיבן זיי צו פֿאַרשטיין די לעבנס־נויטווענדיקייט פֿון פֿאַראייניקטער אַקציע. מיר זאָגן: איר מעגט געהערן צו פֿאַרשיידענע פּאַרטייען, צו פֿאַרשיידענע יוניאָנס, אָדער איר מעגט גאָר ניט געהערן צו קיין פּאַרטיי אָדער יוניאָן; איר מעגט זיין איינפֿאַרשטאַנען אָדער ניט איינפֿאַרשטאַנען מיט די קאָמוניסטן אַרום די אָדער יענע פֿראַגן; וואָס מיר פֿאָדערן פֿון אייך איז — פֿאַראייניקט זיך און קעמפֿט אַרום אַזוינע פֿראַגן, וואָס זיינען פֿונדאַמענטאַל וויכטיק פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס. ווען מיר רופֿן אייך אין אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט, האָבן מיר ניט אינזינען קיין שום אַנדערע אינטערעסן, ווי די אינטערעסן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס. אויב אייערע רעפֿאָרמיסטישע פֿירער זיינען ניט מסכים, טראַכט פֿאַר זיך אַליין, פֿאַרשטייט וואָס איר דאַרפֿט טאָן. אויב עס איז מעגלעך, צווינגט אָט־די פֿירער זיי זאָלן נאָכגעבן אין דער פֿראַגע פֿון אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט. אויב זיי זיינען אַזוי איינגעשפּאַרט אין דינסט פֿון קאַפּיטאַליזם, אַז זיי רעכענען זיך ניט מיט אייערע פֿאָדערונגען, בילדעט אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט איבער זייערע קעפּ.

אונזער פֿאָרשלאָג איז, אַז די טעטיקייט פֿון דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט זאָל פֿאָרקומען אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון ספּעציעל־אויסגעקליבענע קאָמיטעטן, וואָס פֿאַרטרעטן אַלע טיילן פֿון די אַרבעטער, וועלכע פֿאַראייניקן זיך פֿאַר אַ געוויסער אַקציע.

די רעפֿאָרמיסטישע פֿירער דערציילן זיך אָן אַלערליי פּאַסקודנע רכילותן וועגן אונזער טאַקטיק פֿון אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט. זיי זאָגן, אַז מיר פּרוּוון „פֿאַרכאַפּן“ די אָדער יענע אָרגאַניזאַציע, כדי צו מאַכן זי דינען אונזערע „קאָמוניסטישע אינטערעסן“. מער פֿון אַלצדינג באַקלאָגן זיי זיך, אַז מיר קריטיקירן זיי, מיר „זידלען זיך“ אין דער זעלביקער צייט, ווען מיר זוכן צו פֿאַראייניקן זיך מיט זיי אין אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט. דער אמת איז, אַז מיר האָבן ניט קיין שום אינטערעסן אַחוץ די אינטערעסן פֿון דורכפֿירן אַ דערפֿאָלגרייכן קאַמף. מיר ווילן ניט פֿאַרכאַפּן קיינעם דורך מאַנעווורעס, כאָטש מיר ווילן באַאיינפֿלוסן די אַרבעטער און צוציען זיי צו אונזערע רייען דורך דעם, וואָס מיר מאַכן זיי פֿאַרשטיין די וויכטיקייט

פון אונזער פּראָגראַם און טאַקטיק. וואָס איז שייך קריטיק, קריטיקירן מיר שטענדיק די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פּרעטענדירן צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, בשעת אין אמת'ן גייען זיי ניט אויף דער ליניע פון קלאַסן־קאַמף און אַזוי אַרום פאַרראַטן זיי די אַרבעטער־אינטערעסן. מיר נעמען זיך אָבער אונטער אָפּצושטעלן אונזער קריטיק געגן די רעפאָרמיסטישע פירער אין פאַרבינדונג מיט אַן אַקציע פון דעם פאַראייניקטן פראָנט, אויב זיי פירן דורך ערלעך זייער צוזאָג וועגן דעם פאַראייניקטן פראָנט. אויב אָבער זיי פּרוּוון סאַבאָטאַזשעווען דעם פאַראייניקטן פראָנט, אויב זיי פאַרראַטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַראייניקטן פראָנט, איז אונזער פליכט פאַר די אַרבעטער צו דעמאַסקירן זייער פאַרראַט. וואָס קלאָרער מיר וועלן דאָס טאָן, אַלץ שנעלער וועלן זיך די אַרבעטער באַפרייען פון דעם שעדלעכן רעפאָרמיסטישן איינפלוס און זיך אָנשליסן אָן דעם פאַראייניקטן פראָנט פון קאַמף.

קאַפּיטל 6

דער רעוואָלוציאָנערער אומוואַרף פֿון קאַפּיטאַליזם און די דיקטאַטור פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט

דער אומוואַרף פֿון דער מלוכה־מאַכט און צוזאַמען מיט איר פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם וואַקסט אַרויס פֿון די טאָג־טעגלעכע קאַמפֿן פֿון די אַרבעטער. איינס איז היסטאָריש ניט אָפּצוטיילן פֿון דעם צווייטן.

ווען די אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער וואַקסט, ווען זייערע קאַמפֿן ווערן מער איינגעשפּאַרט און אַ סך ניט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, ווי פּאַרמערס, אינטעלעקטואַלן און עקספּלואַטירטע מיטגלידער פֿון דעם נידעריקן מיטל־קלאַס שליסן זיך אָן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דערנענטערט זיך דער ענדגילטיקער אָנפֿאַל אױף דער פֿעסטונג פֿון קאַפּיטאַליזם. די קאַמפֿן זײַנען דער ענטפֿער פֿון די מאַסן אױף די לײַדן, וואָס נעמען זיך פֿון דעם קריזיס פֿון קאַפּיטאַליזם. די קאַפּיטאַליסטן פּרוּוון איבערקומען דעם קריזיס דורך דעם, וואָס זיי לייגן אַרויף נײַע לאַסטן אױף די פּלייצעס פֿון די מאַסן, אָבער זיי קענען ניט היילן די אומהיילבאַרע קרענק. עס קומט אַ צײַט, ווען גרויסע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג זאָגן זיך, אַז „דאָס קען ווײַטער אַזוי ניט גיין". עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די רעגירונג איז אינגאַנצן אומפֿייאיק צו באַוועלטיקן די פּאָליטישע און סאָציאַלע שוועריקייטן. דער גלויבן פֿון דער באַפֿעלקערונג אין דער קלוג־שאַפֿט און דער אַלמעכטיקייט פֿון די הויכע פֿענצטער איז דערשיטערט. מענטשן ווערן אָן זייער צוטרוי. אין דער זעלביקער צײַט וואַקסט דער צוטרוי פֿון די מאַסן צו זייער אייגענער קראַפֿט. די קאַמפֿן פֿון די מאַסן ווערן דערווײַל ברייטער און טיפֿער. די רעגירונג פּרוּווט אונטערדריקונג. זי קען אָבער ניט ברעכן דעם גייסט פֿון רעוואָלט. זי קען ניט פֿאַרהאַלטן די כוואַליע. די פֿריערדיקע קאַמפֿן פֿון די אַרבעטער שפּילן דאָ אַ גרויסע ראָלע. וואָס קלאָרער עס איז דאָס קלאַסן־באַוואוסטזײַן פֿון די אַרבעטער, וואָס מער זיי זײַנען פֿאַרהאַרטעוועט אין קאַמף, וואָס בעסער עס איז די רעוואָלוציאָנערע פּירערשאַפֿט, וואָס זיי האָבן אַנטוויקלט אין אַ משך פֿון יאָרן, וואָס גרעסער עס איז די צאָל פֿרײַנט, וואָס זיי האָבן צוגעצויגן צו

זיך פון צווישן די אנדערע אונטערדריקטע קלאסן, אלץ פייאיקער וועלן זיי זיין צו דערלאנגען דעם לעצטן קלאפ.

עס איז ניט נויטיק, אז אט־דער לעצטער קלאפ, ד. ה. די רעוואלוציע, זאל דוקא קומען אין פארבינדונג מיט אן אימפעריאליסטישער מלחמה, כאטש דאס איז זייער און זייער מעגלעך. דער קאפיטאליזם וועט זיך פרואוון פארהיטן פאר א רעוואלוציע דורך דעם, וואס ער וועט אריינציען דאס לאנד אין א מלחמה. די מלחמה דארף דינען ניט נאר ווי אן אויסוועג פון דעם קריזיס, נאר אויך ווי א מיטל צו דערוועקן דעם פאטריאטיזם פון די מאסן, צו פארשטארקן דעם רעגירונגס־טעראר (קריגס־געזעץ) און אפציען די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט פון די אינווייניקסטע ענינים. אונטער אזוינע באדינגונגען קען די מלחמה פארהאלטן די רעוואלוציאנערע באוועגונג, אבער שפעטער וועט זי נאך פארשנעלערן דעם סוף דורך דעם, וואס זי ברענגט די מאסן נייע שווערעליידן.

עס קומט א צייט, ווען פון אויבן זיינען די הערשער דעמאראליזירט, פון אונטן וואקסט דער רעוואלט; די ארמיי ווערט אומזיכער. די אלטע געביידע פון דער געזעלשאפט ציטערט. עס קומען פאר רעוואלטן; די ארמיי וואקלט זיך. א פאניק כאפט ארום די הערשער. עס הויבט זיך אן דער אלגעמיינער אויפשטאנד.

ארבעטערווארפן די ארבעט. פילע באוואפענען זיך, באפאלנדיק און צערויבנדיק ארסענאלן. פילע האבן זיך נאך פריער באוואפנט, ווען די קאמפן האבן זיך אנגעהויבן פארשטארקן. גאסן־שלאכטן מערן זיך. אונ־טער דער פירערשאפט פון דער קאמוניסטישער פארטיי ארגאניזירן די ארבעטער רעוואלוציאנערע קאמיטעטן אף אנצופירן מיטן אויפשטאנד. עס קומען פאר שלאכטן אין די וויכטיקסטע שטעט. באריקאדן ווערן גע־בויט און פארטיידיקט. דער ארבעטער־קאמפף האט א ווירקונג אף די סאלדאטן. איין ארמיי־אפטיילונג נאך דער צווייטער הויבט אן צושטיין צו די רעוואלוציאנערע קעמפער. עס קומט פאר א פארברידערונג צווישן די ארבעטער און סאלדאטן, די ארבעטער און די מארינען. די באוועגונג צווישן די סאלדאטן און מארינען פארשפרייט זיך. דער קאפיטאליזם הויבט אן פארלירן זיין שטארקסטע געווער, די ארמיי. די פאליציי בלייבט געוויינטלעך געטריי דעם אלטן רעזשים און קעמפט נאך אלץ, אבער זי ווערט באלד באזיגט און פארטריבן דורך די פאראייניקטע רעווא־

לוציאָנערע קרעפטן פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן. די רעוואָלוציע האָט געזיגט.

באַוואָפנטע אַרבעטער און סאָלדאַטן און מאַרינען פאַרכאַפּן די וויכטיקסטע רעגירונגס־אַפּיסעס, רייסן זיך אַריין אין די וואוינונגען פון דעם פּרעזידענט און פון די מיטגלידער פון זיין קאַבינעט, אַרעסטירן זיי, דערקלערן די אַלטע אָרדענונג פאַר אָפּגעשאַפט, עטאַבלירן זייער אייגענע מאַכט, די מאַכט פון די אַרבעטער און פאַרמערס.

היסטאָרישע ביישפּילן

איז דאָס מעגלעך? דאָס איז געטאָן געוואָרן אַ סך מאָל. אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע האָט געבראָכן דעם רוקנביין פון צאַריזם אין 1905, נאָר זי איז באַלד באַזיגט געוואָרן. אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט צאַריזם אין מערץ 1917, ווען עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג. אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד אין נאָוועמבער 1917, ווען די סאָוועטן־רעגירונג, די רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים, האָט איבערגענומען די מאַכט, וועלכע זי האַלט ביזן היינטיקן טאָג. אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אין 1918, אין עסטרייך אין 1918, אין אונגאַרן און בייערן אין 1919, אין כינע אין 1927, אין שפּאַניע אין 1932. אין די מערסטע רעוואָלוציעס זיינען די אַרבעטער פאַרראַטן געוואָרן; זיי זיינען אָדער באַרויבט געוואָרן דורך ביטערע קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישנס פון די פּרוכט פון זייער קאַמף, אָדער זיי זיינען באַזיגט געוואָרן אין אָפענעם צוזאַמענשטויס — איןביידע פאַלן האָבן די סאָציאַליסטן געהאָלפן די עקספּלואַטאַטאָרס. אין רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע געזיגט און אויסגעהאַלטן קודם כל צוליב דעם, וואָס די אַרבעטער האָבן געהאַט אַ שטאַרקע, גוט־אָרגאַניזירטע באָלשעוויסטישע (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי, וועלכע איז געשטאַנען אָן דעם שפּיץ פון דעם קאַמף. די מפּלה פון די אַנדערע רעוואָלוציעס באַווייזט ניט, אַז רעוואָלוציעס זיינען אוממעגלעך. פאַרקערט, רעוואָלוציעס זיינען אומפאַרמיידלעך. זיי זיינען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דער איצטיקער סיסטעם. אונזער צייט איז אַ צייט פון אַרבעטער־רעוואָלוציעס. אויב ניט אַלע רעוואָלוציעס אין די לעצטע פופצן יאָר האָבן גאַראַנטירט די אַרבעטער־מאַכט, איז דאָס אָדער צוליב דעם, וואָס עס האָט געפעלט

א שטאַרקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין איינגעוואָרצלט צווישן די אַרבעטער, אָדער ס'האָבן געפעלט אַנדערע שטאַרקע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס, אָדער ס'האָבן זיך אַריינגעמישט אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן, אָדער עס האָבן געווירקט עטלעכע פון אָט־די סיבות צוזאַמען. אומעטום האָבן די רעפאָרמיסטן געשפּילט די ראָלע סיי פון פיינט אינעווייניק אין דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָבן פאַרראַטן די רעוואָלוציעס, סיי פון פירער פון די קאַפּיטאַליסטישע קרעפטן פון דרויסן געגן דער רעוואָלוציע — אַלץ אין נאָמען פון „דעמאָקראַטיע" און „פרייהייט".

קען א רעוואָלוציע זיגן? דער קאַפּיטאַליזם באַשאַפט א לאַגע, וואו גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג זיינען אומצופרידן, פאַרביטערט, אויפגעשטורעמט דורך אומדערטרעגלעכע ליידן. דער קאַפּיטאַליזם גופא גרייט צו די באַדינגונגען פאַר זיין קאַטאַסטראָפע. אויב אין א שווערן קאַפּיטאַליסטישן קריזיס קומט אזא לאַגע, וואו די מערהייט אָדער אפילו א גרויסע מינדערהייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז גרייט צו פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף, כדי אומצוּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, קען די רעוואָלוציע זיגן — אויב נאָר עס איז דאָ א קאָמוניסטישע מאַסן־פּאַרטיי, וואָס איז אָנערקענט בא די אַרבעטער ווי זייער פירער אין די קאַמפן געגן קאַפּיטאַליזם.

די רעפאָרמיסטן שטעלן אַרויס געגן דער רעוואָלוציע די טענה, אז „די מלחמה־וואָפן זיינען היינט־צו־טאָג אזוי געפערלעך, אז די אַרבעטער האָבן גאָרניט קיין שאַנס צו געווינען אין אַן אָפענער שלאַכט". דער וואונטש איז דאָ דער פאָטער פון דעם געדאַנק בא די רעפאָרמיסטן. אזוי ווי זיי האַסן אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע, האַלטן זיי, אז א רעוואָלוציע קען ניט זיגן. דער אמת איז, אז א רעוואָלוציע קען ניט זיגן סיידן די באַוואָפנטע קרעפטן אָדער מינדעסטנס א ט י י ל פון די באַוואָפנטע קרעפטן שטייען צו צו די אַרבעטער. אָבער קוים זיינען זיי שוין צו־געשטאַנען, פאַרמאָגן די אַרבעטער ניט נאָר ביקסן און קאַנאָנען, נאָר אויך קריגס־עראָפּלאַנען און גיפטיקע גאַזן און קריגס־שיפן צו קעמפן געגן די באַסעס. גיפטיקע גאַזן זיינען געווים זייער שעדלעך, אָבער זייער שעד־לעכע קראַפט קען אויך געווענדט ווערן געגן דער אַלטער סיסטעם. עס איז ניטאָ קיין שום סיבה פאַרוואָס די אַרבעטער זאָלן ניט נוצן די אַלע צעשטערונגס־קרעפטן געגן דעם שונא ווען עס קומט די לעצטע שלאַכט. אין אַלע רעוואָלוציעס אין דער געשיכטע זיינען די באַוואָפנטע קרעפטן

פון דער אַלטער סיסטעם אין אָנפאַנג געווען ש ט אַ ר ק ע ר, ווי די באַוואָפנטע קרעפטן פון די רעוואָלוציאָנערן.

די פראַגע פון געוואַלד

„אָבער דאָס הייסט דאָך געוואַלד", וועט עמיצער פרעגן. „ווייסט איר דען ניט, אַז מען טאָר ניט געברויכן געוואַלד?" אויף דערויף ענטפערן מיר, ערשטנס, אַז אויב די ווערטער „רויט־בלוטיקער אַמעריקאַנער" האָבן אַ זין, באַדייטן זיי, אַז דו זאָלסט זיך ניט לאָזן שלאָגן, ניט געבנדיק צוריק; זיי באַדייטן, אַז דו מוזט אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד; צווייטנס, אַז ניט די אַרבעטער, נאָר די קאַפּיטאַליסטן און זייער מלוכה הויבן אָן די אַקטן פון געוואַלד. ווען דו ווילסט בלייבן אין דער וואוינונג פון אַ הויז, וואָס דו און דיין גלייכן האָבן געבויט, און דער לענדלאָרד רופט דעם שעריף דיך אַרויסצוּוואַרפן, איז עס דער לענדלאָרד וואָס געברויכט געוואַלד. ווען דו גייסט אויף אַ דעמאָנסטראַציע אין נאָס פאַר אַ רעגירונגס־געביידע און די רעגירונג שיקט אַרויס די פּאָליציי און די באַוואָפנטע גאַרילעס צו שלאָגן און פאַנאַנדעריאָגן דעם עולם, איז עס די רעגירונג וועלכע געברויכט געוואַלד. ווען מען וואַרפט דיך אַריין אין געפענגעניש בלויז דערפאַר, וואָס דו זאָגסט זיך אויף טראַנספּאָרטירן אַמוניציע אין דער צייט פון מלחמה, איז עס די רעגירונג וועלכע ווענדט אָן געוואַלד געגן דיר. געוואַלד איז דאָס טעגלעכע ברויט פון די עקספּלואַטאַטאָרס מיט זייער רעגירונג, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט די עקספּלואַטירטע. געוואַלד איז דער סאַמע עצם פון דער מלוכה. ווען די ווערהייזער פּלאַצן פון עסנוואַרג וואָס דו און דיין גלייכן האָבן פּראָדוצירט, און דו, אַ הונגעריקער, ווערסט ניט צוגעלאָזט צו די פּראָדוקטן דורך דער באַוואָפנטער מאַכט פון וועכטער און פּאָליסלייט, ווערט געגן דיר אָנגעווענדט געוואַלד. ווי קענסטו לעבן און אָטעמען, אויב דו ווייזסט ניט אַרויס קיין ווידערשטאַנד? ווי קענסטו פאַרטיידיקן דיינע פונדאַמענטאַלע אינטערעסן, אויב דו ברעכסט ניט די באָסישע פאַרבאָטן? ברעכן די באָסישע פאַרבאָטן, אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד געגן די אָנפאַלן פון דעם פיינטלעכן קלאַס איז פּונקט אַזוי נאַטירלעך פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי עס איז נאַטירלעך פאַר אַ רויט־בלוטיקן מענטשן נישט צו שטיין מיט פאַרלייגטע הענט ווען עמיצער שלאָגט אים.

וואָס פאַר אַ בילד! אַט־די מענטשן וואָס לעבן פון דיין בלוט און

שוויים דערציילן דיר, אז סע איז ניט „רעכט" ארויסצואווייזן א ווידער־שטאנד געגן דער רויבעריי. אָט־די וואָס האַלטן איבער דיר דעם גרויסן שטעקן, דערציילן דיר, אז דו דאַרפסט זיין שטיל ווי א לעמעלע. אָט־די וואָס מאַכן געגן דיר די אונטערדריקערישע געזעצן, פריידיקן דיר וועגן דער הייליקייט פון געזעץ. עס איז באַסישער געזעץ, באַסישע גערעכ־טיקייט, באַסישע אידייע פון רעכט און אומרעכט. אויב די ארבעטער וואָלטן געפאָלגט, וואָלטן זיי ניט געקענט לעבן; זייער לאַגע וואָלט געווען ערגער פון שקלאַפעריי.

מיר קאָמוניסטן זאָגן, אז די ארבעטער קענען ניט האָבן קיין רעספעקט פאַר דעם באַסישן געזעץ און דער באַסישער מאָראַל, וואָס זיינען געווענדט געגן זיי. די קלאַסן־אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאַס — אָט־דאָס איז דאָס העכסטע געזעץ פאַר די ארבעטער. ווען זיי פאַר־טיידיקן זייערע לעבנס און זייער צוקונפט, מוזן זיי אומפאַרמיידלעך קומען אין צוזאַמענשטויס מיטן באַסישן געזעץ. ווען זיי פאַרטיידיקן זייער לעבן, זיינען זיי געצוואונגען זיך צו ווערן געגן באַסישער געוואַלד. ווען זיי קעמפן געגן דער באַסישער סיסטעם, פאַרטיידיקן זיי ניט נאָר זייערע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. וואָרים דער קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט די מענטשהייט צו א צושטאַנד פון כסדר'דיקן עלנט, אָרעמקייט, אומזיכערקייט, שרעק, פעריאָדישע שחיטות, וואַנזיניקן לוקסוס פאַר ווייניקע, הונגער און דעגראַדאַציע פאַר פילע — א לאַגע, וואָס קען ניט פאָרטגעזעצט ווערן אויב די מענטשהייט וויל גיין פאָראויס. קאַפּיטאַליזם פוילט, און כדי צו ראַטעווען די מענטש־הייט מוז מען אויסשניידן פון איר קערפּער אָט־די אייטערדיקע וואונד.

ווען דו קעמפסט געגן קאַפּיטאַליזם, טוסטו דאָס, וואָס ס'איז גערעכט און יושר'דיק און געזעצלעך פון דעם שטאַנדפונקט פון דיינע קלאַסן־אינטערעסן און דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. דו ביסט ניט קיין „באַנדיט", ווי די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן א בעלן געווען שטעמפּלען רעוואָ־לוציאָנערע קעמפער. דו קעמפסט פאַר א העכערער מאָראַל און פאַר א העכערן געזעץ, וואָס וועט אַף אייביק אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע — די מאָראַל און דער געזעץ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט געבראָכן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, עטאַבלירט זי דורך באַוואָפנטע ארבעטער און סאָלדאַטן די ס אָ -

װעטישע מלוכה אַלס דעם מאַכט־אינסטרומענט פֿון די אַר־בעטער און די אָרעמע פּאַרמערס.

די סאָװעטישע מלוכה

די סאָװעטישע מלוכה איז צום ערשטן מאָל איינגעפֿירט געװאָרן אין רוסלאַנד, אָבער שפּעטער איז זי עטאַבלירט געװאָרן אומעטום, װאו די אַרבעטער האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט: אין בייערן, אונגאַרן און גרױסע טײלן פֿון כינע. די סאָװעטן באַשטײען פֿון דעפּוטאַטן אױסדערװײלטע פֿון די ערטער, װאו מענער און פֿרױען אַרבעטן. אין די שטעט װערן די סאָװעטן אױסגעקליבן דורך די אַרבעטער אין די פֿאַבריקן, אָפֿיסעס און בילדונגס־אַנשטאַלטן. אין די דערפֿער װערן די סאָװעטן אױסגעקליבן דורך אַלע אַרבעטנדיקע פּױערים. יעדע פּערזאָן, װאָס טוט װעלכע ניט איז אַרבעט, האָט שטים־רעכט. אײגנטימער פֿון רײַכטום, קאַפּיטאַליסטן, פּריצים און אַנדערע עקספּלואַטאַטאָרס, אַזױ לאַנג װי זײ זײַנען נאָך ניט פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין נוצלעכע בירגער, װאָס אַרבעטן פֿאַרן כּלל, האָבן ניט קײן שטים־רעכט. זײ האָבן ניט קײן דעה אין דער פֿאַרװאַלטונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. פֿון דער אַנדערער זײַט איז דאָס שטים־רעכט די פּריװילעגיע פֿון פֿיל גרעסערע מאַסן האָרעפּאַשניקעס, װי דאָס איז דער פֿאַל אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די סאָװעטן פֿון אַרבעטער־, סאָל־דאַטן־ און פּױערים־דעפּוטאַטן בילדן אומעטום די לאָקאַלע רעגירונג. פֿאַר־טרעטער פֿון די לאָקאַלע סאָװעטן בילדן דעם צענטראַלן סאָװעט, װעלכער איז די רעגירונג פֿון דעם לאַנד.

די רעגירונג פֿון די סאָװעטן איז אַ רעגירונג פֿון די װאָס אַרבעטן. זי װערט אױסגעקליבן אין די פּלעצער פֿון אַרבעט פֿון צװישן די װאָס אַרבעטן, און זי איז פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר די װאָס האָבן זי געקליבן. זי באַשטײט פֿון לױטער אַרבעטער און פּױערים, װאָס דאָס הײסט, אַז זי איז די גרעסטע דעמאָקראַטיע אין דער װעלט. זי איז אַן אמת׳ע רעגירונג פֿון דער רענק־און־פֿײל. עקספּלואַטאַטאָרס האָבן אין איר ניט קײן חלק. אירע דעפּוטאַטן און אַנדערע באַאַמטע קריגן באַצאָלט ניט מער װי דעם דורכשניטלעכן לױן פֿון אַ קװאַליפֿיצירטן אַרבעטער. אירע דעפּוטאַטן קענען צו יעדער מינוט צוריקגערופֿן װערן דורך זײערע װײלער. אונטער די סאָװעטן זײַנען די אַרבעטער און פּױערים באַװאָפֿנט, און די פּאָליצײ־אישע און ריכטערלעכע פֿונקציעס װערן דורכגעפֿירט דורך די אַרבעטער און פּױערים גופֿא.

די דאָזיקע רעגירונג האָט פאַר זיך דעם גרויסן צוועק פון צונעמען באַ די אייגנטימער די פאַבריקן, שעפער, אייזנבאַנען, באַנקען און זיי פאַרוואַנדלען אין געזעלשאַפטלעכן אייגנטום, וואָס זאָל פאַרוואַלטעט ווערן דורך די אַרבעטער פאַר דעם וואוילזיין פון אַלע. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז דער צוועק פון די סאָוועטן אָפּצושאַפן פּריוואַט־אייגנטום אַף די פּראָדוציר־מיטלען און איינצופירן סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע און פאַרטיילונג.

דאָס קען ניט דורכגעפירט ווערן מיט פרידלעכע מיטלען. די עקספּלואַטאַטאָרס וועלן ניט אָפּגעבן זייער רויב אַפילו דעמאָלט, ווען זייער מלוכה־מאַכט איז שוין געבראָכן. מען וועט זיי דאַרפן פאַרטרייבן מיט געוואַלד. די סאָוועטישע רעגירונג דאַרף עקספּראָפּריאירן די עקספּראָפּריאַטאָרס מיט געוואַלד. די עקספּראָפּריאַטאָרס וועלן קאָנספּירירן געגן דער נייער סיסטעם; זיי וועלן אָרגאַניזירן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן. די סאָוועטישע מלוכה וועט דאַרפן ברעכן די אויפשטאַנדן מיט אַן אייזערנער האַנט. די געוועזענע עקספּלואַטאַטאָרס וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך. די סאָוועטישע רעגירונג וועט אַף זיי ניט האָבן קיין רחמנות. די אַלטע סיסטעם פון רויבעריי מיט איר גאַנצן מיסט וועט דאַרפן אָפּגעראַמט ווערן פון דעם וועג. דאָס הייסט, אַז די סאָוועטישע מלוכה דאַרף זיין שאַרף; זי מוז צעשטערן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן — וואָס גיכער אַלץ בעסער פאַר די אַרבעטער און פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. דעריבער רופט מען די סאָוועטישע מלוכה אַ דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז דער היפוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור. זי פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ רעגירונג, וואָס באַהאַנדלט אַלעמען גלייך. זי דערקלערט אָפן, אַז זי איז אַ קלאַסן־רעגירונג, וואָס איז געווענדעט געגן דעם פריערדיקן הערשנדיקן קלאַס. זי געברויכט געוואַלד געגן דעם קלאַס. זי שטעלט זיך פאַר אַן אָפענעם ציל — עקספּראָפּריאירן און אונטערדריקן די פריערדיקע עקספּראָפּריאַטאָרס און אונטערדריקער. עס איז אַ רעגירונג פון די פריערדיקע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע, און זי שאַפט אָפּ עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג אַף אייביק.

ווי באַלד פּריוואַט־אייגנטום איז אָפּגעשאַפט, ווי באַלד דער איינ־

דוסטריעלער אפאראט פון דעם לאנד איז סאציאליזירט, ווי באלד די אינדיווידועלע פארמערס זיינען איבערצייגט געווארן צו בילדן, פאר זייער אייגענער טובה, קאלעקטיווע פארמס, הערט אויף די עקספלואטאציע פון א מענטשן דורך א מענטשן. דאס הייסט פרייהייט.

ווען די ארבעטער האבן זיך דערשלאגן זייער רעכט, ווערט דער וועג פריי פאר עקאנאמישן און קולטורעלן פראגרעס, וואס איז אוממעגלעך אונטערן קאפיטאליזם. די פראדוקציע ווערט שנעל פארגרעסערט. דער לעבנס־סטאנדארד הויבט זיך העכער און העכער. בילדונג, ליטעראטור, קונסט, דערפינדונגען בליען אונטער פראלעטארישער הערשאפט. עקספלואטאציע פארשווינדט, ווייל איין מענטש לעבט ניט פון דעם צווייטנס ארבעט, אבער א געוויסע אומגלייכהייט צווישן די פארדינסטן פון קוואליפיצירטע און אומקוואליפיצירטע ארבעטער בלייבט נאך א שטיקל צייט. שפעטער ווערן אט־די אלע רעשטן פון דער אלטער סיסטעם איינגאנצן אפגעווישט. מינאריטעט־נאציאנאליטעטן, וואס זיינען געווען אונטערדריקט און הינטערשטעליק אונטערן קאפיטאליזם און וואס האבן באקומען זעלבסט־באשטימונג אין דער רעוואלוציע, אנטוויקלען זיך שנעל. דאס גאנצע לאנד ווערט איין גרויסע ארבעטנדיקע געזעלשאפט אף א הויכן פלאן. באלד ווערט איינגעפירט דער כלל: „זאל יעדער איינער ארבעטן ווערליק זיינע פייאיקייטן; זאל יעדער איינער באקומען פון דעם געזעלשאפטלעכן אוצר פון גיטער ווערליק זיינע נויטן.” דאס איז קאמוניזם.

דער מענטש גופא ענדערט זיך אונטער אזוינע באדינגונגען. באלד איז די מלוכה שוין מער ניט נויטיק. אין א *קלאסנלאזער געזעלשאפט* איז ניטא קיינער וועמען צו אונטערדריקן און צו האלטן אין צוים. הויך־קולטורעלע מענער און פרויען, דערצויגן אין דעם גייסט פון קאלעקטיוון לעבן, באהערשער פון דער נאטור און פון זייער אייגענער געזעלשאפט, דארפן ניט האבן דעם גרויסן שטעקן פון דער מלוכה. זיי פארוואלטן מיט זייערע געשעפטן אן דער מלוכה־מאכט. די מענטשהייט איז פריי — אף אייביק.

קאַפּיטל 7.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דער אַוואַנגאַרד און דער גענעראַל־שטאַב פון די אַרבעטער (און די אָרעמע פאַרמערס) אין זייער קאַמף געגן דער אַלטער סיסטעם, אין זייער רעוואָלוציע געגן דער אַלטער סיס־טעם און אין דער אַרבעט פון אויפבויען די נייע סיסטעם.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס דאָס הייסט אַז איר הויפּט־אינטערעס איז דער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס אַ גאַנצן פאַר מלוכה־מאַכט. אין דער צייט ווען דער הויפּט־אינ־טערעס פון די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס איז דער עקאָנאָמישער קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען; אין דער צייט ווען דער הויפּט־אינטערעס פון די אַרבעטסלאָזע קאָונסילס איז דער קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־פאַרזיכערונג און סאָציאַלער פאַרזיכערונג; אין דער צייט ווען די פראַ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אינטערעסירן זיך הויפּטזאַכלעך מיט געגנ־זייטיקער הילף און דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג (קיין איינ־ציקער פון די דאָזיקע קאַמפן איז ניט איזאָלירט פון די אַנדערע און זיי אַלע מוזן געקעמפט ווערן אויף אַ פּאָליטישן באַזיס), אינטערעסירט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט אַלע פאַזן פון דער באַוועגונג, זי פאַר־אייניקט זיי, גיט זיי אַ ריכטונג, זי פילט זיי אָן מיטן גייסט פון קלאַסן־קאַמף, זי אָריענטירט זיי אויף דעם ענדגילטיקן אומוואַרף פון דער קאַפּי־טאַליסטישער סיסטעם.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. איר צוועק איז בייברענגען די פאַרכאַפּונג פון פּאָליטישער מאַכט דורך די אַרבעטער. זי קוקט דעריבער אויף יעדער טעטיקייט פון די אַרבעטער (און די אָרעמע פאַרמערס) פון אַט־דעם שטאַנדפּונקט. עס איז אָבער ניטאָ קיין ווידער־שפּרוך צווישן דעם ענדציל און די באַלדיקע אינטערעסן פון די אַרבעטער. דאָס, וואָס ס'איז געגן דעם פּאָליטישן ענדציל פון די אַרבעטער, איז אויך שעדלעך פאַר זיי איצט און ווערט דעריבער צוריקגעוואָרפן דורך דער פּאַרטיי. דער אויסקוק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ברייטער און ער נעמט אַרום מער ווי דער אויסקוק פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אַפילו ווען זיי שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם קלאַסן־קאַמף.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ציט אַריין אין אירע רייען די פאָרט־געשריטנסטע און קעמפערישסטע אַרבעטער און זי גיט זיי אַ פּאָליטישע דערציאונג. זי לערנט זיי מאַרקסיזם־לעניניזם, וואָס דאָס באַוואָפנט דעם אַרבעטער מיט אַ גרינטלעכער פאַרשטענדעניש פאַר דער געזעל־שאַפט, אין וועלכער ער לעבט, און פאַר דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קוקט אויף אירע מיט־גלידער ווי אויף פ י ר ע ר אין דעם קלאַסן־קאַמף און זי לערנט זיי צו קענען פונקציאָנירן אַלס אַזעלכע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ שול פון קלאַסן־קאַמף אין אַלע זיינע פאַזן.

אַלע טעטיקייטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען געבויט אויף אַ קלאָרן און גרינטלעכן אַנאַליז פון די סאָציאַלע קרעפטן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאָלגט נאָך זייער אויפמערקזאַם יעדן ווענד אין דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד אויפן עקאָ־נאָמישן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן געביט, און בײַ יעדן ווענד ווייזט זי אָן די אַרבעטער, וואָס זיי האָבן צו טאָן כדי ענדגילטיק צו דער־גרייכן אַ מאַקסימום רעזולטאַטן — אומוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. אַט־דער פּלאַן פון קאַמף פאַרן אַרבעטער־קלאַס ווערט אָנגערופן די פ אַ ר־ט י י־ל י נ י ע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַרבעט אויס אַ ליניע פון טעטיקייט פאַר יעדן צווייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין יעדן מאָמענט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרבעט דירעקט אַלס אַן אָרגאַניזאַציע און אומדירעקט דורך אירע מיטגלידער אין די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פירט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפּן, ווי דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּאָליטישע געפאַנגענע, דער קאַמף געגן הויכע שטייערן אויף אַרבעטער, דער קאַמף פאַר בעסערע וואוינונגען, פרייע מאָלצייטן פאַר שול־קינדער, דער קאַמף געגן דער אימפּעריאַליס־טישער מלחמה און פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער קאַמף געגן רעגירונגס־טעראָר, דער קאַמף געגן דער דזשים־קראָו סיסטעם און לינטשערייען, דער קאַמף געגן פאַשיזם, דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער, און פיל אַנדערע. די דאָזיקע קאַמפּן ווערן אָנגעפירט דורך ליטעראַטור, דורך מאַסן־מיטינגען, דורך דעמאָנסטראַציעס און, אין עקסטרעמע פאַלן, דורך אָפענעם מאַסן־צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי אין די גאַסן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַטייליקט זיך אויך אין די וואַל־קאַמפּאַניעס אַלס אַ באַזונדערע פּאָליטישע פּאַרטיי. זי נאָמינירט קאַנ־דידאַטן פאַר פעדעראַלע און לאָקאַלע אַמטן און אַפּעלירט פאַר שטימען. זי וויל האָבן אירע פאַרטרעטער אין די געזעצגעבנדיקע אַנשטאַלטן. אָבער אירע וואַל־קאַמפּאַניעס און איר טעטיקייט אין די פּאַרלאַמענטן זיינען אינגאַנצן אַנדערש איידער, לאָמיר זאָגן, די טעטיקייטן פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. מיר קאָמוניסטן עקזיסטירן ניט אַף צו העלפן די קאַפּיטאַליסטן צו רעגירן איבער די מאַסן. מיר עקזיסטירן צו העלפן די מאַסן דריקן אַף זייערע הערשער, אַרויסבאַקומען פון די קאַפּיטאַליסטן און זייער רעגירונג אַ מאַקסימום הנחות. מיר פאַרשפּרייטן ניט דעם פאַלשן געדאַנק, אַז עס קען זיין קאָאָפּעראַציע צווישן די עקספּלואַטירטע און זייערע עקספּלואַטאַטאָרס. פאַרקערט, מיר גייען אין די געזעצגעבנ־דיקע אַנשטאַלטן צו באַווייזן די אַרבעטער, אַז אַזאַ קאָאָפּעראַציע טאָר ניט עקזיסטירן, ווייל זי איז נאָר גוט פאַר די באָסעס; מיט אַנדערע ווערטער, מיר גייען אין די געזעצגעבנדיקע אַנשטאַלטן — און מיר פירן אונזערע וואַל־קאַמפּאַניעס — אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף. מיר נוצן די פּלאַטפאָרמע פון די פּאַרלאַמענטן — פון וועלכער אונזער שטימע קען געהערט ווערן בעסער ווי די שטימע פון פּריוואַטע בירגער — צו העלפן אָרגאַניזירן די אַרבעטער און צו העלפן זיי פירן זייערע טעגלעכע קאַמפן. אין דער זעלביקער צייט פּרוּוון מיר צווינגען די געזעצגעבער אָנצונעמען געזעצן, וואָס זאָלן ברענגען דערלייכטערונג פאַר די אַרבע־טער. מיר טוען דאָס ניט דורך זיסע רייד, ניט דורך חנפ׳ענען די געזעצ־געבער, וועלכע זיינען די משרתים פון די גרויסע געלט־זעק, ניט דורך אַפּעלירן צו זייערע געפילן פון יושר און גערעכטיקייט, נאָר דורך אָנפירן גרויסע באַוועגונגען פון די מאַסן, וועלכע צווינגען די דזשענטללייט צו נעמען זיי אין אכט. מיט אַנדערע ווערטער, אויב די סאָציאַליסטן בעטן שטימען כדי צו רעפאָרמירן די מלוכה און דערמיט צו מאַכן זי פאַר אַ בעסער געצייג פאַר די קאַפּיטאַליסטן, פאַרנעמען זיך מיר קאָמוניסטן מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענטאַריזם, וועמעס צוועק עס איז צו פאַרשטאַרקן דעם אַרבעטער־קלאַס און צו אָפּשוואַכן זיינע פיינט. מיר גייען אין די געזעץ־מאַכנדיקע אינסטיטוציעס ניט כדי צו פאַרלאַטען זיי פאַר דעם בענעפיט פון די קאַפּיטאַליסטן, נאָר צו זיין אַ „מאַנקי־רענטש״ אין זייער מאַשינעריע, וואָס זאָל זיי ניט לאָזן אַרבעטן שנעל און גלאַט פאַר דער טובה פון די קאַפּיטאַליסטן. זייענדיק

אינעווייניק, נוצן מיר אויס יעדן טריט פון די קאַפּיטאַליסטישע אַגענטן צו דעמאַסקירן זיי פאַרן פאָלק, צו ווייזן, ווער עס זיינען די אַזוי־גערופענע פאָלקס־פאַרטרעטער און וואָס עס זיינען די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס.

דער פּאַרטיי־יוניט

אחוץ דער דאָזיקער פּאָליטישער טעטיקייט, וואָס ווערט געפירט דירעקט אין דעם נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז יעדער קאָמוניסט פאַרפליכטעט צו זיין אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער געהערט, און אין דעם פּלאַץ, אין וועלכן ער אַרבעט. דאָרט וואו עס איז דאָ דריי אָדער מער קאָמוניסטן, אין אַ פאַבריק צי אין אַ מיין, אין אַ יוניאָן צי אין אַ פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, דאַרפן זיי זיך פאַרבינדן און אָרגאַניזירן אַ גרופּע, אַ קאָמוניסטיש קעמערל (נוק־לעאוס). דער נוקלעאוס דיסקוטירט די פּראָבלעמען פון דעם שאַפּ אָדער פון דער אָרגאַניזאַציע און אינסטרואירט זיינע מיטגלידער צו האַנדלען אין די בעסטע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אַ גוטער קאָמוניסט איז אַן אַרבעטער, וועלכער פאַרשטייט גרינטלעך די פּראָבלעמען פון זיין אַרבעט־פּלאַץ אָדער פון זיין אָרגאַניזאַציע און וועלכער אַנטוויקלט זיין טעטיקייט מער ענערגיש ווי די טעטיקייט פון זיינע מיט־אַרבעטער. אַ גוטער קאָמוניסט איז אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, וועלכער נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן די אינטערעסן פון זיינע מיט־אַרבעטער און וועלכער גיט אָפּ זיין בעסטע ענערגיע צו פאָדערן די זאַך פון די אַרבעטער וואו נאָר ער געפינט זיך. אַ גוטער קאָמוניסט איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס, אַ דאַנק אָט־די דאָזיקע אייגנשאַפטן, ווערן זיי פירער צווישן זייערע מיט־אַרבעטער — ניט פירער דורך מעכאַנישן קאָנטראָל, נאָר פירער דורך אַ בעסערער פאַרשטענדעניש, מער מוט און העכערע אָרגאַניזיר־פייאיקייטן. קאָמוניסטן ווערן דערצויגן פאַר אָט־דער אַרבעט. דעריבער זעען מיר, אַז אַ קליינע צאָל קאָמוניסטן דערגרייכט אָפט מער ווי אַ גרויסע צאָל אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע ציען אין פאַרשיידענע זייטן. געדענקען דאַרף מען, אַז די קאָמוניסטן האָבן ניט קיין אינטערעסן, וואָס זאָלן זיין אַנדערש ווי די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, די אינטערעסן פון פאַרבעסערן זיין לעבן היינט, פון ברעכן דעם קאַפּי־טאַליזם אין דער צוקונפט. דו האָסט מסתמא געהערט וועגן די „וויסטע קאָנספּיראַציעס" פון די קאָמוניסטן. אין אמת'ן געפינסטו ניט קיין

„וויסטע" פינצטערע זאכן אין די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אָט איז אַ טויץ קאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן אין דעם זעלביקן שאַפּ. עס איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען און בילדן אַ שאַפּ־נוקלעאוס. עס איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך קאָנסטיטואירן ווי אַ שטענדיקע קערפּערשאַפט. זיי דאַרפן דאָס טאָן אין געהיים, כדי צו באַהאַלטן זיך פאַר דעם שפּיאָנען־אויג פון דעם באָס; אָבער דאָס איז דאָך נאַטירלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. די אַרבעטער וואָלטן דאָך געווען נאַראָנים, ווען זיי וואָלטן אויפגעדעקט פאַר די באָסעס זייער פּלאַן פון אַרבעט.

אַ פּאַרטיי־נוקלעאוס האַלט אָפּ זיינע זיצונגען רעגולער יעדע וואָך. אונזער שאַפּ־נוקלעאוס וועט דיסקוטירן שיר ניט בײַ יעדער זיצונג ווי צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פון די אַרבעטער געגן דעם באַלעבאָס אין דעם שאַפּ. דער שאַפּ־נוקלעאוס וועט זיך ניט האַלטן אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע אַרבעטער. פאַרקערט, עס איז די פליכט פון יעדן קאָמוניסט צו שטיין אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער, צו זיין אַ טייל פון די אַרבעטער, צו פאַרשטיין יעדע פראַגע פון דעם שאַפּ־לעבן. די קאָמוניסטן וועלן פאַרשפּרייטן צייטונגען און פּאַמפלעטן צווישן די אַרבעטער. אויב נויטיק, וועלן זיי אַרויסגעבן אַן אָרטיקע צייטונג, וואָס וועט אויפדעקן די איבלען פון דעם שאַפּ און אָרגאַניזירן די אַרבעטער פאַר דעם קאַמף. די קאָמוניסטן וועלן זיך האַלטן אין געהיים פון דער פאַרוואַלטונג און פון די שפּיאָנען, אָבער ניט פון די אַרבעטער. זיי וועלן איינלאַדן אומפּאַרטייאישע אַרבעטער צו זייערע נוקלעאוס־זיצונגען צו דיסקוטירן געוויסע פראָבלעמען. זיי וועלן געווינען דעם צוטרוי פון די אַרבעטער טאָקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַ דורכגעטראַכטע און פּאַסיקע לייזונג פאַר די דרינגענדיקע פראַגן און וואָס זיי ווייזן אַרויס אַ ווידערשטאַנד געגן דעם באָס אָדער פאָרמאַן. זיי דאַרפן זיך שטעלן ווי קעמפער, אַניט קענען זיי ניט זיין קיין קאָמוניסטן. באַלד ווערן זיי באַקאַנט צווישן די אַרבעטער ווי אַ קעמפערישע גרופּע. מער אַרבעטער וועלן צושטיין. דער איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועט וואַקסן.

עס קומט אַ צייט, ווען די קאָמוניסטן שטייען אָן דעם שפּיץ פון אַן אָפענעם קאַמף געגן דעם באַלעבאָס און דער מלוכה. דאָס קען זיין אַ סטרייק פאַר העכערע שכירות. אין אַזאַ פאַל וועלן די קאָמוניסטן העלפן אָרגאַניזירן אַ ס ט ר י י ק ־ ק אָ מ י ט ע ט פון צווישן די רענק־און־פייל אַרבעטער; דער קאָמיטעט וועט באַשטיין פון פּאַרטייאישע און

אומפּאַרטייאישע און וועט האַנדלען אונטער דער דירעקטער פירערשאַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער יוניאָן אין דער באַטרעפנדער אינדוסטריע. דאָס קען זיין אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פאַר ארבעטלאָזיקייט־פאַרזיכע־רונג. אין אַזאַ פאַל וועט די פאַרטיי העלפן אָרגאַניזירן אַ לאָקאַלן רענק־און־פייל אַרבעטסלאָזן קאונסיל. דאָס קען זיין אַן אַנדער אַקט פון קאַמף. וואָס עס זאָל ניט זיין, וועלן די קאָמוניסטן ניט אַרויפצווינגען זייער ווילן אַף די אַרבעטער. פאַרקערט, זיי וועלן זען טיילן די איניציאַטיווע מיט אַזוי פיל אַרבעטער ווי נאָר מעגלעך. זייער צוועק איז ניט צו געבן באַפעלן. זיי זיינען אַליין אַרבעטער, וועלכע ליידן פונקט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, אָבער זיי דריקן אויס קלאָרער דעם פּראָטעסט וואָס יווירט צווישן די אַרבעטער. וואָס מער אַרבעטער עס באַטייליקן זיך אין צו־גרייטן אַן אַקט פון קאַמף, אַלץ גרעסער זיינען די שאַנסן פון זיג.

אין אָט־די קאַמפן וועלן זיך אייניקע אַרבעטער אַרויסרוקן אַלס מענטשן מיט אַ קלאָרערן פאַרשטאַנד, מיט מער ענערגיע, מיט מער פייאיקייטן אויסצודריקן די נויטן פון די אַרבעטער, און מיט מער פייאיקייט צו פּאַסן אַ שנעלן באַשלוס און געפינען אַ לייזונג אין אַ נויט. אָט־די מענטשן וועלן ווערן די מ אַ ס ן ־ פ י ר ע ר. אייניקע פון זיי וועלן זיין קאָמוניסטן, אייניקע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, אָבער סוף כל סוף וועט יעדער קעמפערישער מאַסן־פירער געפינען זיין וועג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווייל ער וועט איינזען, וואָס פאַר אַ נוצן זי ברענגט דעם אַרבעטער־קאַמף.

אָט־אַזוי וועט דער קאָמוניסטישער נוקלעאוס זיך עטאַבלירן ווי די קעמפערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָנערקענט פון די אַרבעטער. זי וועט פירן. זי וועט איינפלאַנצן אַ שרעק אין דעם האַרץ פון דעם באָס. זי וועט איינפלאַנצן צוטרוי אין די הערצער פון די אַרבעטער. זי וועט ווערן דער אַוואַנגאַרד און דער פירער פון די לאָקאַלע אַרבעטער.

די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען, צוליב דער אָדער יענער סיבה, ניט קיין מיטגלידער פון אַ שאַפּ־נוקלעאוס (אָדער מיין־נוקלעאוס), אָרגאַני־זירן זיך לאָקאַל אין דעם אָרט וואו זיי וואוינען אַלס אַ ג אַ ס ן ־ נ ו ק ־ ל ע א ו ס. אַ גאַסן־נוקלעאוס באַשטייט פון קאָמוניסטן, וואָס וואוינען אין דער זעלביקער געגנט. ער נעמט אַרום פון צען ביז דרייסיק מיט־גלידער, זעלטן מער, ווייל אַ צו־גרויסער נוקלעאוס איז אומבאַקוועם. ווען אַ גאַסן־נוקלעאוס ווערט צו־גרויס, ווערט אַ טייל פון אים אָרגאַניזירט אַלס אַ באַזונדער נוקלעאוס, וואָס קריגט אַ באַזונדערע טעריטאָריע צו

אנטוויקלען זיין אַרבעט. דער גאַסן־נוקלעאוס אָרגאַניזירט און פירט די אַרבעטער־קאַמפּן אין זיין טעריטאָריע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער טעריטאָריע איז דאָ אַ שאַפּ, וואו די אַרבעטער זיינען נישט אָרגאַניזירט. דער גאַסן־נוקלעאוס קאָנצענטרירט זיך אַף דעם שאַפּ. ער אָרגאַניזירט אָפּען־עיר מיטינגען פאַרן טויער פון דעם שאַפּ אין דער צייט, ווען די אַרבעטער ענדיקן די אַרבעט. איי:יקע פ:ן די אַרבעטער שטעלן זיך אָפּ, הערן זיך איין, ווערן פאַראינטערעסירט, באַקומען צייטונגען און פאַמפּלעטן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אַרום דעם מיטינג־פּלאַץ. דער נוקלעאוס ווידערהאָלט אָט־די אַקציע ביז עס ווערן איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט דעם שאַפּ. קוים האָט מען שוין אָרגאַניזירט אינעווייניק אַ גרופּע סימפּאַטיזירנדיקע אַרבעטער, ווערט גרינגער צו אָרגאַניזירן דעם שאַפּ כדי צו פאַרטיידיקן די אַרבעטער־אינטערעסן. איין גאַסן־נוקלעאוס קען זיך קאָנצענטרירן אַף עטלעכע שעפּער. ער קאָנצענטרירט זיך אויך אַף אַרבעט צווישן די אַרבעטסלאָזע. ער קענוועסט די אַרבעטסלאָזע אין זיין טעריטאָריע; ער אָרגאַניזירט פון צווישן זיי אַן אַרבעטסלאָזן קאָונסיל; ער קעמפט צוזאַמען מיטן קאָונסיל פאַר אַרבעטסלאָזיקייט־רעליף; אויב נויטיק, אָרגאַניזירט דער גאַסן־נוקלעאוס אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער לאָקאַלער האָום־רעליף ביוראָ צו פאָדערן הילף פאַר די, געגן וועמען די ביוראָ דיסקרימינירט. דער גאַסן־נוקלעאוס פירט אָן מיט אַנדערע קאַמפּן פון די אַרבעטער אין זיין טעריטאָריע. דער קאַמף געגן אַרויסזעצן אַרבעטסלאָזע פון די וואוינונגען, דער קאַמף פאַר פרייע גאַז און עלעקטריק פאַר אַרבעטסלאָזע, דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע לאָקאַלע אַרבעטער, הילף פאַר די פּיקעטס, וואָס סטרייקן אין דער טעריטאָריע, לאָקאַלע דעמאָנסטראַציעס געגן דער אונטערדריקונג פון די נעגערס אין דער געגנט — די דאָזיקע אַלע און אַנדערע טעטיקייטן זיינען כמעט די טעגלעכע אויפגאַבן פון דעם גאַסן־נוקלעאוס.

נישט דער שאַפּ־נוקלעאוס, נישט דער גאַסן־נוקלעאוס, הייסט עס, עקזיסטירט נישט פאַר זיך אַליין, פאַר „קאָמוניסטישע אינטערעסן", ווי מען דערציילט אָפּט, וואָרים עס זיינען נישטאָ קיין קאָמוניסטישע אינטערעסן אויסער די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דער פּאַרטיי־נוקלעאוס איז אַ צענטער פון קעמפנדיקע אַרבעטער אין שאַפּ אָדער אין דער געגנט. אַ נוקלעאוס, וואָס קריכט נישט אַרויס פון זיינע פיר ווענט, איז אַ שלעכטער נוקלעאוס. אַ גוטער נוקלעאוס איז אַזוינער, וואָס איז אַף אַלערליי אופנים פאַרבונדן מיט די אַרבעטער אין שאַפּ און אין דער

נעגנט; אַזוינער, וואָס איז אָנערקענט באַ די אַרבעטער אַלס אַ קעמפּנ־דיקער יוניאָניסט; אַזוינער, וואָס ווערט געשעצט דורך די אַרבעטער, וואָס ווערט נאָכאַנאַנד פאַרגרעסערט דורך דעם אָנשלוס פון נייע אַרבעטער; אַזוינער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פירער אין אַ סך קלאַסן־קאַמפן אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

איינע פון די פונקציעס פון די שאַפּ־נוקלעאוסן און גאַסן־נוקלעאוסן איז — פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע צייטונגען, זשורנאַלן און פאַמפלעטן. די פּרעסע, ווי מיר ווייסן, איז אַ גוטער פּראָפּאַגאַנדיסט און אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. דער איינפלוס פון דער פּרעסע קען זיין גרויס, אויב זי ווערט פאַרשפּרייט און געלייענט צווישן אַרבעטער־קלאַס. די קאָמוניסטן פאַרנעמען זיך דערמיט, וואָס זיי ריידן צו אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, דערקלערנדיק זיי די באַדייטונג פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע אַלס אַרבעטער־פּרעסע און נעמען זיך אונטער צוצושטעלן זיי צייטונגען און זשורנאַלן. אין דעם זעלביקן וועג פאַרשפּרייטן זיי פאַמפלעטן און ביכער. קוים הויבט אָן אַרבעטער אָן צו לייענען אַ צייטונג אָדער אַ פאַמפלעט, וואָס דערקלערן אים דעם קלאַסן־קאַמף, דערקענט ער באַלד דעם אמת פון דעם וואָס ער לייענט, ווייל ער קען דאָס באַשטעטיקן דורך אַ סך פאַקטן פון זיין אייגענעם לעבן. לייענען וועגן קלאַסן־קאַמף, אָנערקענען די ריכטיקייט פון קלאַסן־קאַמף איז שוין אַ טריט צו פּראַקטישן אָנטייל אין קלאַסן־קאַמף.

דאָ, ווי אומעטום, איז פאַראַן אַ טיפער אָפּגרונט צווישן אונז קאָמוניסטן און די סאָציאַליסטישע רעפאָרמיסטן. זיי זאָגן, אַז עס איז שווער צו רירן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער פונם אָרט און אַז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג אַף אַ שטאַרקן און איינציקן אַרבעטער־קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר זאָגן: זאָל נאָר דער אַמעריקאַנישער אַר־בעטער דערקענען זיינע קלאַסן־אינטערעסן, וועט ער קעמפן אין גרויסע מיליטאַנטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַר זיין לעבן, פאַר זיין פרייהייט, פאַר דער ענדגילטיקער באַפרייאונג פון זיין קלאַס און פון אַלע אונטער־דריקטע.

אחוץ די שאַפּ־ (מיין, פאַבריק) נוקלעאוסן און גאַסן־נוקלעאוסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, עקזיסטירן אויך פ ר אַ ק צ י ע ס. די קאָמוניסטן, וואָס געהערן צו וועלכער ניט איז אָרגאַניזאַציע, בילדן אַ ספּעציעלע פראַקציע, וועלכע דיסקוטירט די פּראָבלעמען פון דער אָר־גאַניזאַציע און פאַסט באַשלוסן פאַר אירע מיטגלידער. דאָס מאַכט מעג־

לעך פאַר די קאָמוניסטן אין אַ רעפאָרמיסטישער יוניאָן אָדער אין אַ פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע צו פאַרפאָלגן די זעלביקע ליניע. די פאַרטיי־פראַקציע שטייט פאַר קעמפערישקייט און זי שטרעבט צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אין אַן אמת׳ער קעמפנדיקער קערפערשאַפט.

עס איז קלאָר, אַז צו קענען זיין אַ קאָמוניסט, מוז מען זיין געשולט פאַר דער אַרבעט. יעדער פאַרטיי־נוקלעאוס איז דעריבער פאַקטיש אַ שול פון דער פראַקטיק פון קלאַסן־קאַמף. דער נוקלעאוס גיט אויך טעאָרעטישן אונטערריכט פאַר זיינע מיטגלידער. ער אָרגאַניזירט פאַר זיי קורסן. ער פירט אָן דיסקוסיעס וועגן די טאָג־פראַגן. די פייאיקסטע און מיליטאַנטסטע מיטגלידער ווערן געשיקט אין ספּעציעלע טריינינג־סקולס. די גאַנצע פאַרטיי איז פאַרנומען מיט העכערן, ווי מיר רופן דאָס, דעם טעאָרעטישן מצב פון אירע מיטגלידער.

איצט קענסטו שוין פאַרשטיין, פאַרוואָס מען רעדט וועגן „קאָמוניסטישע פאַרשווערונגען". די קאָמוניסטן האָבן אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און אַן איינהייטלעכע ליניע; זיי פּלאַנעווען זייער אַרבעט און זיי פירן זי דורך. די באָסעס געפעלט ניט אַזאַ מעטאָדע, ווען די אַרבעטער נוצן זי פאַר זייערע אינטערעסן. דו וועסט אויך פאַרשטיין, פאַרוואָס די שונאים ריידן אַזויפיל וועגן „אייזערנער קאָמוניסטישער דיסציפּלין". זיי וואָלטן אַ בעלן געווען, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין אומפאַראייניקט, אומגעבילדעט און אומאַנטשלאָסן. דאָס וואָלט געווען גוט פאַר די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן. ווען זיי זעען אַ פאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אָרגאַניזירט, אויפגעקלערט און געשולט צו טאָן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, דערצו נאָך אַן אָרגאַניזאַציע וואו די מיטגלידער אַרבעטן האַרמאָניש איינער מיטן אַנדערן לויט אַ באַשטימטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, הויבן זיי אויף אַ געוואַלד. אָבער פּלאַן, איינהייט און געשלאָסנקייט — דאָס איז דער כח פון יעדער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, איינגעשלאָסן די קאָמוניסטישע פאַרטיי. מיר דיסקוטירן פּראָבלעמען, מיר אונטערזוכן זיי גענוי, אָבער איינמאָל איז שוין אַ באַשלוס געפאַסט, איז ער אַ באַשלוס פאַר אַלע. יעדער איינער איז מחויב אים דורכצופירן אין לעבן. מיר זיינען אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָרים יעדער מיטגליד האָט אַ שטימע און יעדער רענק־און־פיילער האָט אַ רעכט און אַ פליכט צו קריטיקירן די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אָדער פון איינצלנע פירער. אין דער זעלביקער צייט זיינען מיר אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע, ווייל מיר אַרבעטן לויט איין פּלאַן און ווייל די באַשלוסן פון די

העכערע פּאַרטיי־קערפּערשאַפטן זיינען אָבליגאַטאָריש פאַר די נידעריקערע קערפּערשאַפטן — פון דעם צענטער ביז אַרונטער צו די יוניטס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז, אַזוי אַרום, אויפגעבויט אַפן באַזיס פון *דעמאָקראַטישן צענטראַליזם*. דערפון שטאַמט די איינהייט פון האַנדלונג.

די פּאַרטיי באַ דער אַרבעט

לאָמיר איצט אַ קוק געבן אַף דער פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע. אין דעם שפּיץ איז דער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס ווערט אויסגעקליבן אַף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן. אין די דיסטריקטן געפינען זיך די דיסטריקט־קאָמיטעטן, וואָס ווערן אויסגעקליבן אַף די דיסטריקט־קאָנווענשאָנס (דאָס לאַנד איז איינגעטיילט אין צוואַנציק דיסטריקטן). יעדער דיסטריקט איז איינגעטיילט אין סעקשאָנס און יעדע סעקשאָן נעמט אַרום אַ געוויסע צאָל יוניטס, ד. ה. שאַפּ־ און גאַסן־נוקלעאוסן. אונטער דער אויפזיכט פון דעם דיסטריקט־קאָמיטעט און די סעקשאָן־קאָמיטעטן שטייען די פאַרשיידענע פראַקציעס. די דאָזיקע אַלע מיטגלידער האָבן גרינטלעך דיסקוטירט יעדע פראַגע, וואָס שווימט אַרויף אין דעם לעבן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זיי האָבן דיסקוטירט אין יעדן יוניט, וואָס יעדער מיטגליד דאַרף טאָן אין די קומענדיקע עטלעכע טעג. דירעקטיוון זיינען געגעבן געוואָרן פון דעם צענטער צו די דיסטריקטן, פון די דיסטריקטן צו די סעקשאָנס און די יוניטס. יעדער איינער איז צוגעגרייט. יעדער איינער פאַרשטייט דעם זין פון דעם, וואָס מען דאַרף טאָן. יעדער איינער איז פאַרפליכטעט צו העלפן דעם צווייטן. מיר האָבן דאָ פולע איינינקייט פון צוועק און איינינקייט פון האַנדלונג. מאָרגן וועט יעדער איינער פון אָט־די פּאַרטיי־מיטגלידער זיך אַריינוואַרפן אין דעם אָדער יענעם געביט פון אַרבעט. איינער וועט פאָרברענגען פאַרן באָס די פאָדערונגען פון די אַרבעטער פון זיין שאַפּ; אַן אַנדערער וועט פירן אַ גרופּע אַרבעטסלאָזע אַרבעטער צו דער האָום־רעליף ביוראָ צו פאָדערן באַלדיקן רעליף פאַר די, וואָס די ביוראָ האָט געגן זיי דיסקרימינירט; אַ דריטער וועט זיך באַטייליקן אין אַ פּיקעט־ליין אונטער דער געפאַר פון פּאָליציייאישע קלאַבס און גאַרילע־אַטאַקעס; אַ פערטער וועט זיך פאַרנעמען מיט אַריינטראָגן צוריק אין אַ וואוינונג אַריין די מעבל פון אַ פאַמיליע, וואָס איז אַרויסגעזעצט געוואָרן אין גאַס; אַ פינפטער וועט פאָרזיכטיק ריידן צו אַ גרופּע שיף־אַרבעטער, ווען ער וויל אָנשליסן אָן דער מאַרין

וואָרקערס אינדוסטריעלער יוניאָן; אַ זעקסטער וועטריידן צו אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק — ער וועט זיי פּרואוון באַווייזן די נויטיקייט פון אָרגאַניזירן זיך, כדי צו זיין גרייט אָפּצושטעלן די אַרבעט אין פאַל פון אַ מלחמה; אַ זיבעטער וועט פאַרשפּרייטן ליפלעטס, וואָס רופן צו אַ דעמאָנסטראַציע צו פּראָטעסטירן געגן דער אימפּעריאַליסטישער אינטערווענציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין קובאַ; אַן אַכטער וועט אַרויספיהן די אַרבעטער פון אַ מיין אַלס פּראָטעסט געגן דעם, וואָס די „נ.ר.א.“ זאָגט זיך אָפּ צו אָנעֶרקענען די נאַציאָנאַלע מיינערס יוניאָן; אַ ניינטער וועט ריידן אין אַן אָפּען־עיר מיטינג פאַר דעם לאָקאַלן קאָמוניסטישן מעיאָר־קאַנדידאַט; אַ צענטער וועט ווייזן די אַרבעטער אַ סאָוועטישן פילם, וואו עס ווערט בולט פאָר־געשטעלט דאָס לעבן פון די אַרבעטער אונטער דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די דאָזיקע אַלע קאָמוניסטן וועלן זיין באַגייסטערט מיט דעם זעלביקן אידעאַל. זיי וועלן אַרבעטן אַלע אין דער זעלביקער ליניע. זיי וועלן אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט אַלע אַרבעטער, מיט וועמען זיי זיינען פאַרבונדן — זיי וועלן פּרואוון זיי מאַכן פאַרשטיין די בעסערע וועגן פון קאַמף און מאַכן זייערע קאַמפן מער ווירקזאַם. די דאָזיקע אַלע קאָמוניסטישע יוניטס, זייענדיק קאָנצענטראַציע־פונקטן פון דעם אַרבעטער־קאַמף, וועלן זיין פאַרנומען מיט פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט — וואָס פּראַקטישער אַלץ בעסער — אָבער אין דער זעלביקער צייט וועלן זיי אַף קיין מינוט ניט אַרויסלאָזן פון דעם אויג דעם ענדציל פון דער באַוועגונג, די צעשטערונג פון קאַפּיטאַליזם.

ווען דו זעסט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי בײַ דער אַרבעט, מוזסטו זי פאַרגלייכן מיט דעם בלוט־שטראָם פון דעם מענטשלעכן קערפּער. ווי דער בלוט־שטראָם, ברענגט זי לעבן צו יעדן טייל פון דעם קערפּער פון דעם אַרבעטער־קלאַס. ווי דער בלוט־שטראָם, העלפט זי אויפבויען יעדער געוועב. ווי דער בלוט־שטראָם, מאַכט זי דעם אָרגאַניזם לעבן, האַנדלען, וואַקסן.

עס זיינען מעגלעך אַרבעטער־באַוועגונגען אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער עס איז ניט מעגלעך אַן אמת'ע באַוועגונג פאַר דער באַ־פרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס איז ניט מעגלעך קיין ענדגילטיקער אומוואַרף פון דער גאַנצער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

האַנט אין האַנט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אונטער איר פירערשאַפט פונקציאָנירט די ליגע פון די יונגע קאָמוניסטן (קאָמיוג), די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון די יונגע אַרבעטער, און עס פונקציאָנירן אַ סך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

עס איז דאָ אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין יעדן לאַנד פון דער וועלט. זיי אַלע אַרבעטן פאַר דעם זעלביקן צוועק, און זיי אַלע פּאַסן צו זייער טעטיקייט צו די באַדינגונגען פון זייער לאַנד. דעלעגאַטן פון יעדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קומען זיך צענויף איינמאָל אין עטלעכע יאָר צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן קאָנגרעס (ביז אַהער זיינען געווען זעקס אַזוינע קאָנגרעסן). דער קאָנגרעס האַלט אָפּ זיינע זיצונגען צוויי אָדער דריי וואָכן און דיסקוטירט גרינטלעך די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די לאַגע פון יעדן לאַנד. דערפאַרונגען פון אַ וועלט־קאַמפּף ווערן דאָ אויסגעטוישט און אַן אַלגעמיינע ליניע פאַר ווייטערדיקע קאַמפן אויסגעאַרבעט. דער קאָנגרעס קלייבט אויס אַן עקזעקוטיווע (עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין קורצן: ע.ק.ק.י.), וועלכע איז די הערשנדיקע קערפּערשאַפט צווישן איין קאָנגרעס און דעם צווייטן. די באַשלוסן פון דער עקזעקוטיווע פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל גיבן אַ ריכטונג פאַר דער טעטיקייט פון די פּאַרטייען. די עקזעקוטיווע האַלט אָפּ אירע פאַרזאַמלונגען איין מאָל אין עטלעכע חדשים. אירע פאַרזאַמלונגען זעען אויס ווי קליינע קאָנגרעסן. צווישן איין פאַרזאַמלונג פון דער עקזעקוטיווע און דער צווייטער פונקציאָנירט אַ קלענערע קערפּערשאַפט, וואָס רופט זיך פּרעזידיום און וואָס פירט אָן מיט די געשעפטן פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע רופט זיך קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און זי דריקט אויס דעם געמיינזאַמען צוועק און די געמיינזאַמע באַשלוסן פון אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל (קאָמינטערן) גיט איינִיקייט פון פּאָליטיק און פירערשאַפט צו דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער וועלט. ער איז דער גענעראַל־שטאַב פון דער וועלט־רעוואָלוציע פון אַלע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זי איז די איינפלוסרייכסטע, אָבער ניט די איינציקע איינפלוסרייכע פּאַרטיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. זי איז אַ טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָבער ניט דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל. איר אָנווייז איז זייער ווערטפול, וואָרים

זי האָט שוין לאַנג פאַרווירקלעכט דאָס, צו וואָס עס שטרעבן נאָך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט — די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. אָבער דער אָנווייז און די דערפאַרונגען פון די אַנדערע פּאַרטייען זיינען אויך פון גרויסן ווערט אין באַשטימען די פּאָליטיק פון דעם קאָמינטערן. די הויפּט־קוואַרטיר פון דעם קאָמינטערן איז מאָסקווע, ווייל דאָס איז די הויפּט־שטאָט פון דער איינציקער אַרבעטער־פּויערים רעגירונג אין דער וועלט און דאָ קען דער קאָמינטערן פריי אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען. ווען די אַרבעטער וועלן ווערן די הערשער פון אַנדערע לענדער, וועט דער קאָמינטערן ניט דאַרפן באַשרענקען זיינע זיצונגען צו מאָסקווע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז, אַף אַזאַ אופן, אַ טייל פון אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע גיט איר פירערשאַפט און פאַרגרעסערט איר קאַמף־פראָנט. אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועלן די אַרבעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן גיין פון קאַמף צו קאַמף, פון זיג צו זיג, ביז זיי וועלן זיך דערהויבן אין אַ רעוואָלוציע, ברעכן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, עטאַבלירן אַ סאָוועטישע מלוכה, אָפּשאַפן די ברוטאַלע בלוטיקע סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם און זיך נעמען בויען דעם סאָציאַליזם.

דעריבער דאַרף יעדער אַרבעטער אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.